STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04494

EKONOMISHE KRIZISN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַרקסיסטישע שטודיר קורסן

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

עקאָנאָמישע קריזיסן

(צווייטער טייל)

ניינטע לעקציע

פאַרלאַג
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן
80 פינפטע עוועניו
ניו יאָרק

358

Copyright 1934 by the
INTERNATIONAL WORKERS ORDER
80 Fifth Avenue
New York

אינהאַלט פון ניינטער לעקציע

IV. די פעריאָדישקייט פון קריזיסן.

V. קריזיסן אין דעם פעריאָד פון מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליזם.

VI. דער איצטיקער קריזיס אין ליכט פון דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער טעאָריע:

1. די איצטיקע עפּאָכע אַלס די עפּאָכע פון אַן אַלגעמיינעם קריזיס פון קאַפּיטאַליזם.

2. דער איצטיקער עקאָנאָמישער קריזיס און דער אַלגעמיינער קריזיס פון קאַפּיטאַליזם.

א. דער ציקלישער כאראקטער פון קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג אין דעם פעריאָד פון דעם אלגעמיינעם קריזיס פון דער קאפיטאליס־טישער סיסטעם.

ב. ספּעציעלע שטריכן פון דער „בעסערן טרייד" פאזע.

3. די פעריאָדישקייט פון קריזיסן

א. דויער פון קריזיס.

ב. די אלגעמיינע נאטור פון קריזיס.

ג. די טיפקייט פונם קריזיס.

ד. דער אינדוסטריעלער נידערפאל און דער אגראַרישער קריזיס זיינען פארבונדן.

ה. געלט און קרעדיט קריזיס.

VII. דער איצטיקער קריזיס און דער פּראָלעטאַריאַט.

VIII. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און דער איצטיקער קריזיס.

1. דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַגריף פון קריזיסן.

2. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּראָגראַם פאַרן אויסוועג פון קריזיס.

IX. פאַרוואָס עס זיינען ניטאָ קיין קריזיסן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

IV. די מאַרקסיסטישע טעאָריע פון קריזיסן פאַרגעזעצט

3. די פעריאָדישקייט פון קריזיסן

די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע אַנטוויקלט זיך אין ציקלען, וואָס מיינט אַז זי באַוועגט זיך אין אַ כּסדרדיקן קרייז (ציקל) פון פאַזן (קריזיס, דעפּרעסיע, טרייד־אויפלעבונג, בום, קריזיס און אַזוי ווייטער), וועלכע פאָלגן נאָך און מישן זיך צוזאַמען איינע מיט די אַנדערע.

צווישן פיל אַנדערע זאַכן אין וועלכע מאַרקס ווערט באַשולדיקט פון די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן, איז, ווי זיי האַלטן, וואָס ער האָט אַרויס־געשטעלט צו פּראָמינענט, און אַף אַן איינזייטיקן און פּאַרטייאישן אופן, ווען ער האָט אויסגעאַרבעט זיין טעאָריע וועגן קריזיסן, בלויז איין און איינציקע פאַזע פון דעם ציקל, נעמלעך, דעם קריזיס און אין דערזעלבער צייט האָט ער ניט געשיינקט קיין אויפמערקזאַמקייט צו זיינע אַנדערע פאַזן. אָבער די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן אַליין שטעלן אַרויס געוויינלעך אַ ציקלישע טעאָריע, אָדער די טעאָריע פון גוטן און שלעכטן טרייד, אַנשטאָט אַ טעאָריע וועגן קריזיסן. זיי באַטראַכטן ניט דעם קריזיס אַלס דעם פּראָמינענטסטן שטריך פון דעם ציקל אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע. אַנשטאָט דעם באַטראַכטן זיי דאָס אַלס אַ דורכגייענדיקע פאַזע פון דעם ציקל, וועלכע עקזיסטירט צוזאַמען מיט זיינע אַנדערע פאַזן, אַזוי אַרום פאַראייניקנדיק דעם קריזיס מיטן ציקל.

מאַרקס אָבער האָט באַזונדער אויפמערקזאַמקייט געלייגט אַפן קריזיס, ווייל ער איז דער אַנטשיידנדיקער שטריך פון דעם טרייד־ציקל און באַ־שטימט דעם כאַראַקטער פון דער באַוועגונג, דורך וועלכער די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע גייט דורך.

צוליב אָט דער אורזאַך איז די מאַרקסיסטישע טעאָריע פון טרייד־ציקלען צום אַלעם ערשטן אַ טעאָריע וועגן קריזיסן, דערפאַר ווייל איר וויכטיקסטער שטריך איז, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע ווערט פעריאָדיש אויפ־געטרייסלט פון קריזיסן. קריזיסן זיינען די בינד־פונקטן פון די הויפּט־ווידערשפּרוכן פונם קאַפּיטאַליזם.

די מאַרקסיסטישע טעאָריע וועגן קריזיס איגנאָרירט אָבער ניט סיי די דעפּרעסיע, סיי די גוטע־טרייד פעריאָדן. פונקט פאַרקערט; באַטראַכטנדיק קריזיסן אַלס אַן אַלץ־אַנטשיידנדיקן און צענטראַלן שטריך פונם טרייד־ציקל, גיט אונז מאַרקס דורך דעם די איינציקע וויסנשאַפטלעכע דערקלע־רונג פאַר די אַנדערע פאַזן פונם ציקל.

לויט מארקסן זיינען קריזיסן „שטענדיק בלויז מאָמענטאַלע און גוואַלד־זאַמע לייזונגען פון די עקזיסטירנדיקע ווידערשפּרוכן". (מאַרקס, קאַפּיטאַל, באַנד 3.)

קריזיסן זיינען אַ צייטווייליקע און גוואַלדזאַמע לייזונג פון די ווידער־שפּרוכן אויף וועלכע דער קאַפּיטאַליזם איז באַזירט און וועלכע באַשטימען זיין אַנטוויקלונג. דורך צעשטערן די כחות פון דער פּראָדוקציע (אַראָפּ־דריקן דעם ווערט פונם קאַפּיטאַל, דאָס פאַלן פון פּרייזן, פאַרניכטונג פון סחורות, און אַ פאַרקלענערונג אין פּראָדוקציע), און באַגרעניצן די פּראָ־דוקציע ברענגט דער קריזיס די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע, נאָך אַ קורצער צייט, אין איינקלאַנג מיט דעם באַשרייַנקטן פונדאַמענט פון פאַרברויך אויף וועלכן ער האַלט זיך. אין דעם, הייסט עס, אין דער צייטווייליקער און אַרויפגעצוואונגענער לייזונג פון אָנגעזאַמלטע ווידערשפּרוכן, ליגט די פונקציע פון קריזיסן.

ס'איז פולשטענדיק קלאָר, דעריבער, אַז אונטער די באַדינגונגען פון אַן אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם קענען ניט פאָרקומען קיין אומאונטערבראָכענע, פּערמאַנענטע קריזיסן, דערפאַר ווייל מיט די קריזיסן ווערט דערגרייכט אַ צייטווייליקע לייזונג פון זיינע ווידערשפּרוכן. „ס'זיינען ניטאָ קיין פּערמאַ־נענטע קריזיסן". (מאַרקס, טעאָריעס וועגן מער־ווערט, באַנד 2, טייל 2, זייט 269, באַמערקונג 1, שטוטגאַרט, 1921.)

אויב ס'וואָלט געווען אַנדערש וואָלטן די קריזיסן ניט געשפּילט די ראָלע אין אינדוסטריעלן ציקל, וואָס זיי שפּילן אין לייזן די ווידערשפּרוכן פון דער סיסטעם. נאָכדעם ווי ס'קומט די לייזונג פון די ווידערשפּרוכן, אַלס אַ רעזולטאַט פון קריזיס, הויבט זיך אָן ווידער די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע צו באַוועגן. דער קריזיס אָבער קען ניט אָפּשאַפן די ווידער־שפּרוכן, ער לייזט זיי בלויז אויף אַ שטיקל צייט. און אָט צוליב דער אור־זאַך קען די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע נאָך אַ קריזיס בלויז גיין אין דער ריכטונג פון אַ באַנייטן אָנהויבן פון ווידערשפּרוכן, וועלכע זיינען ניט אָפּגעשאַפט געוואָרן. די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע אין איר באַוועגונג איז אומפאַרמיידלעך געצוואונגען, צוליב אירע שמאָלע גרענעצן, זיך אָפּצושטעלן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, ווייל

„אין דער עצם נאַטור פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע האָבן מיר פּראָדוקציע אָן שום אכט פאַר די גרענעצן פון דעם מאַרק."
(אין זעלבן זייט 301.)

אַזוי ווי דער קריזיס שאַפט ניט אָפּ די ווידערשפּרוכן צווישן סאָציאַלן כאַראַקטער פון דער פּראָדוקציע און דער פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישער נאַטור פון איר אַפּראָפּריאַציע—דאָס מיינט, אַז ס'שאַפט ניט אָפּ די הויפּט סיבה פון

די קריזיסן — מוז, פריער אָדער שפּעטער, די באַוועגונג פון דער קאַפּיטאַ־ליסטישער פּראָדוקציע ווידער פירן צו אַ קריזיס.

אַף אַזאַ אופן ווערן די קריזיסן פּעריאָדישע קריזיסן. די זעלביקע אורזאַכן, וועלכע זיינען גורם די דערשיינונג פון די קריזיסן, ברענגען אויך זייערע פּעריאָדישע איבערחזורונגען. פאַר אַ שטיקל צייט לייזט אויף דער קריזיס די אָנגעזאַמלטע ווידערשפּרוכן און אַף אַזאַ אופן מאַכט ער מעגלעך פאַר דער פּראָדוקציע אָנצוגיין מיט איר אַנטוויקלונג, דאָס מיינט, ער מאַכט מעגלעך אַ שריט פאָראויס, וועלכער מוז אומפאַרמיידלעך אָפּגעשטעלט ווערן דורך אַ קריזיס, און אַזוי גייט דאָס אָן און חזרט זיך איבער.

פּונקט ווי הימלישע פּלאַנעטן, וועלכע זיינען אַמאָל אַריינגעשליידערט געוואָרן אין אַ באַשטימטער באַוועגונג חזרן איבער אומאויפהערלעך די זעלבע באַוועגונג, אַזוי איז אויך מיט דער סאָציאַלער פּראָדוקציע, ווי באַלד זי ווערט געוואָרפן אין דער דאָזיקער באַוועגונג פון זיך בייטנדיקער אויסשפּרייטונג און איינשרומפּונג:

„רעזולטאַטן ווערן אורזאַכן, און די ענדערונגען פונם גאַנצן פּראָצעס, וועלכער רעפּראָדוצירט כסדר זיינע אייגענע באַדינגונגען, נע־מען אָן די פאָרמע פון פּעריאָדישקייט.“ (מאַרקס, „קאַפּיטאַל“, באַנד 1, זייט 356.)

פון באַזונדערער וויכטיקייט פאַרן ציקלישן קורס פון דער קאַפּיטאַ־ליסטישער פּראָדוקציע איז דער אופן דורך וועלכן די באַנייאונג פון גרונט קאַפּיטאַל ווערט דורכגעפירט. אַנדערש ווי דער צירקולירנדיקער קאַפּיטאַל (די ווערט פון רויע מאַטעריאַלן און דער פאַרענדערלעכער קאַפּיטאַל), וועלכער שטראָמט צוריק צום קאַפּיטאַליזם נאָך יעדער פאַרענדיקטער אומוואַנדלונג, ווערט אָבער דער גרונט קאַפּיטאַל (מאַשינעריע, געביידעס און דאָס גלייכן) שטופנווייז אָפּגענוצט. זיין ווערט קערט זיך ביסלעכווייז אום צום קאַפּיטאַ־ליסט אין קליינע געלט־סומען (אַמאָרטיזאַציע, דאָס אָראָפּרעכענען אַ געוויסע סומע קאַפּיטאַל פאַר אָפּנוץ). אָבער דער גרונט־קאַפּיטאַל ווערט באַנייט מיט אַמאָל דורך אַן איינציקער אינוועסטמענט פון גרויסע קאַפּיטאַל־ווערטן אין דער געגעבענער אינדוסטריע. דער דאָזיקער מעטאָד פון באַנייען גרונט־קאַפּיטאַל, די גראַדנווייזע, טיילווייזע פאַרקלענערונג און דער פּלוצלעכער איזאָלירטער צוריקשטראָם פון דעם קאַפּיטאַל אין גרויסע סומען אין דער פּראָדוקציע, ברענגט מיט זיך אַ פּלוצלונגדיקע העכערונג אין דער נאָכ־פראַגע פון די מיטלען פון דער פּראָדוקציע, בוי־מאַטעריאַלן, אייזן, מאַשי־נעריע, א. ד. ג. דער מאַרק פאַר די צווייגן פון דער אינדוסטריע, וועלכע פּראָדוצירן די מיטלען פון דער פּראָדוקציע, ברייטערט זיך אויס און אין דער

זעלבער צייט שטייגט אויך די פּראָדוקציע אין די דאָזיקע צווייגן פון דער אינדוסטריע.

די באַנייאונג פון דעם גרונט-קאַפּיטאַל קומט זעלטן אַלס רעזולטאַט בלויז פון אַקטועלן אָפּנוץ. וואָס עס טרעפט אין מערסטע פאַלן איז, אַז די אַלטע מיטלען פון דער פּראָדוקציע ווערן פאַרביטן דורך נייע, ניט דערפאַר ווייל די אַלטע זיינען שוין פולשטענדיק אָפּגענוצט געוואָרן, נאָר דערפאַר ווייל נייערע און בעסערע מיטלען פון פּראָדוקציע זיינען דערפונדן געוואָרן, אַזוי אַז באַנוצן זיך מיט די אַלטע מיטלען פון פּראָדוקציע קען נאָר שטערן דעם קאָנקורענץ-כח פון דעם געגעבענעם זאַוואָד, אָדער פאַבריק.

ס'איז פולשטענדיק קלאָר, פאַרשטייט זיך, אַז אַ גרויסע צאָל פון די דערפינדונגען און פאַרבעסערונגען טרעפן פונקט אין דער צייט פון קריזיס און נידערגעשלאָגנקייט, ווייל אין אַזוינע צייטן איז די קאָנקורענץ צווישן די קאַפּיטאַליסטן די פייערדיקסטע. צו פאַרמיידן פאַרלוסטן אָדער אָפּצור-שטעלן דאָס פאַלן פון פּראָפיטן אין פאַל פון אַ וועלכן ס'ניט איז אַראָפּפאַל אין פרייזן, פאַרקלענערט דער קאַפּיטאַליסט דעם קאָסט פון דער פּראָדוקציע. דאָס ווערט געטאָן אין צוויי וועגן: ערשטנס דורך שניידן דעם אַרבעטערס לוין און יאָגן די אַרבעטס-קראַפט; און צווייטנס, דורך פאַרפולקאָמען די אַלטע און אריינברייננגען נייע פאַרבעסערטע מאַשינעריע, דאָס מיינט, דורך באַנייען דעם גרונט-קאַפּיטאַל.

וועגן דעם פונקט שרייבט מאַרקס אין צווייטן באַנד פון „קאַפּיטאַל“:

> „די אַנטוויקלונג פון גרונט-קאַפּיטאַל *** ווערט *** פאַר קירצט דורך דער כסדרדיקער רעוואָלוציע פון די אינסטרומענטן פון פּראָדוקציע, וועלכע פאַרגרעסערט זיך גלייכצייטיק אומאויפהערלעך מיט דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע. דאָס באַדייט אַן ענדערונג אין די אינסטרומענטן פון פּראָדוקציע און די נויטווענדיקייט פון זייער כסדרדיקער אומבייטונג צוליב דער פאַקטישער אָפּגענוצטקייט אַ סך פריער איידער זיי ווערן באמת פיזיש אָפּגענוצט *** אַ קריזיס איז שטענדיק דער אָנהייב-פונקט פון אַ גרויסער מאַסע פון נייע אינ-וועסטמענטס.“ (מאַרקס, „קאַפּיטאַל“, באַנד 2, זייט 130.)

אַזוי קומט אויס, אַז פון דעם קריזיס, וועלכער צעשטערט אַ טייל פון די פּראָדוקציע-כחות און לייזט אויף אַזאַ אופן אויף די ווידערשפּרוכן וועלכע האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין פאַרלויף פונם פעריאָד פון „גוטן-טרייד“, וואַקסן אַרויס די באַציאונגען, וועלכע פירן נויטווענדיקערווייז צו פרישע און נייע אינוועסמענטס פון קאַפּיטאַל. מיט אַנדערע ווערטער, דער קריזיס אַליין שאַפט דעם אָנהייב-פונקט פאַר אַ נייעם פאָרשריט. יעדער איינער ווייסט, אַז אַ פאָרשריט פון אַזאַ סאָרט הויבט זיך אָן צוערשט אין די צווייגן

פון דער אינדוסטריע, וועלכע פּראָדוצירן די מיטלען פון דער פּראָדוקציע, דאָס מיינט, אין די שווערע אינדוסטריעס. אין אַזאַ פאַל איז אַלצאיינס פונוואַנעט עס קומט די נאָכפראַגע פאַר נייע מיטלען פון פּראָדוקציע — צי פון די צווייגן פון אינדוסטריע, וועלכע באַשאַפן די מיטלען פון פּראָדוקציע, צי פון די וועלכע באַשאַפן די מיטלען פון פאַרברויך. אויב עס טרעפט, אַז דער קריזיס רירט אָן אַלע צווייגן פון דער פּראָדוקציע (ווי דער פאַל איז מיט יעדער אַלגעמיינער איבער־פּראָדוקציע), און אַ ביטערער קאָנקורענץ־קאַמף גייט אָן, מיט אַ פאַלן פון פרייזן און אַזוי ווייטער, איז דער רע־זולטאַט אָבער, אַז אין אַלע צווייגן פון דער אינדוסטריע ווערט צוגעגרייט דער באָדן „פאַר אַ פּריצייטיקער באַנייאונג פון דער אינדוסטריעלער אויסשטאַ־טונג".

די צווייגן, וועלכע באַזאָרגן די מיטלען פון דער פּראָדוקציע, זיינען די הויפּט צווייגן פון דער אינדוסטריע, דורך וועלכע די גאַנצע סאָציאַלע פּראָ־דוקציע ווערט באַאיינפלוסט אַף אַזוי ווייט ווי עס אָנבאַלאַנגט די אַלגעמיינע ריכטונג. די באַוועגונג פאַר אַ „בעסערן־טרייד", וועלכע הייבט זיך אָן אין די דאָזיקע צווייגן פון פּראָדוקציע, גייט שטופנווייז איבער צו די אַנדערע צווייגן פון דער פּראָדוקציע.

די שטייגנדיקע טענדענץ פון די צווייגן פון דער אינדוסטריע, וועלכע באַזאָרגן אַזוינע מיטלען פון פּראָדוקציע, שפּרייט זיך אויך אויס אַף די צווייגן, וועלכע פּראָדוצירן די מיטלען פון פאַרברויך, דערפאַר ווייל די אויס־ברייטערונג פון דער ערשטער ציט אריין אַ פאַרגרעסערטע צאָל באַשעפטיקטע אַרבעטער. און ווידעראַמאָל, די אויפלעבונג אין די ליניעס פון דער פּראָדוק־ציע, וועלכע פאַבריצירן די מיטלען פון פאַרברויך שטאַרקט די אויסברייטע־רונג פון די אינדוסטריע־צווייגן, וועלכע דינען צו פאַבריצירן די מיטלען פון פּראָדוקציע, ווייל די אינדוסטריעלע צווייגן וועלכע פּראָדוצירן מיטלען פון פאַרברויך מאַכן פאַרבעסערונגען, נעמען אָן מיטלען צו באַנייען זייער גרונט־קאַפּיטאַל אַף אַ גרויסן מאַסשטאַב און מאַכן גרויסע באַשטעלונגען אַף מאַשינעריע און אַנדערע איינריכטונגען ביי די צווייגן, וועלכע אַרבעטן אַף פאַבריצירן די מיטלען פון פּראָדוקציע. דער פאָרשריט צו אַ „בעסערן טרייד" איז זייער בולט. די צווייגן וועלכע באַזאָרגן די מיטלען פון דער פּראָדוקציע קענען ניט נאָכקומען דעם אַלץ וואַקסנדיקן שטראָם פון באַ־שטעלונגען, וועלכער קומט פון דעם טייל פון דער קאַפּיטאַליסטישער אינדוס־טריע, וואָס לעבט איבער אַ בום אין טרייד, ביז די איבער־פּראָדוקציע לאָזט זיך פלוצלונג פילן און ס'שטעלן זיך אַף די באַשטעלונגען און ס'פאַרקלענערן זיך די בוי־פּלענער — ביז, אין אַנדערע ווערטער, אַ נייער קריזיס ברעכט אויס.

און אַזוי ווערט דער גאַנצער פּראָצעס כסדר איבערגעחזרט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

אַף אַזאַ אופן איז דער מעטאָד פאַר דער באַנייאונג פון דעם גרונט־קאַפּיטאַל דער מאַטעריעלער באַזיס פאַר דער פּעריאָדישקייט פון קריזיסן; ווייל צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם און זיין קאָנצענטראַציע און צענטראַליזאַציע וואַקסט אויך דער סכום פון גרונט־קאַפּיטאַל. יעדער קריזיס ברעכט אויס אַף אַ ברייטערן באַזיס ווי זיין פאָרגייער און מוז אויסאיבן אַלץ אַ גרעסערן צעשטערונגס עפעקט. וואָס גרעסער ס'איז דער סכום פון די סאָציאַלע מיטלען פון דער פּראָדוקציע און וואָס מער דער קאַפּיטאַל איז קאָנצענטרירט, אַלץ שאַרפער מוזן זיין די ווידערשפּרוכן צווישן סאָציאַלן כאַראַקטער פון דער פּראָדוקציע און צווישן דער פּריוואַטער אַפּראָפּריאַציע. פון דעם נעמט זיך, וואָס מיט דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם ווערן די איבעררייסן צווישן איין קריזיס און אַנדערן ניט לייגער, נאָר קורצער; דאָס מיינט צו זאָגן, אַז די דערשיינונג פון די קריזיסן ווערט ניט קיין זעלטנהייט נאָר ברעכט אויס אָפטער. ביז די נײַנציקער פון לעצטן יאָרהונדערט האָבן די קריזיסן זיך איבערגעחזרט אַלע 10 יאָר; שפּעטער איז דער איבעררייס צווישן זיי געפאַלן צו 7 יאָר אָדער 8 יאָר.

מאַרקס האָט אויסגעאַרבעט זיין טעאָריע פון קריזיסן איידער דער קאַפּיטאַליזם האָט אַריינגעטראָטן אין זיין העכסטער שטופע פון מאָנאָפּאָל. אַלע געגנער פון מאַרקס, באַזונדערס די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טעאָרעטיקער, זעען אין דעם אַ באַקוועמען תּירוץ צו שטיצן זייער טענה, אַז בשעת די מאַרקסיסטישע טעאָריע האָט געקענט זיין ריכטיק לגבי דעם פאַר־מאָנאָפּאָל קאַפּיטאַליזם, איז זי אָבער איצט ניט אָנווענדבאַר צו דעם מאָנאָפּאָל, און באַזונדערס צו דעם „אָרגאַניזירטן" קאַפּיטאַליזם, וואָס נאָך דער מלחמה. פאַקטיש אָבער געלינגט ניט דעם מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליזם אָפּצולייקענען מאַרקסעס טעאָריע וועגן קריזיסן; פּונקט פאַרקערט, ער באַשטעטיקט איר ביז צום לעצטן פּונקט. אַן אומבאַשטרייטבאַרער באַווייז אַף דער פעסטקייט פון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע וועגן קריזיסן קען מען זען אין דעם קריזיס, וועלכער האָט אויסגעבראָכן מיט 4 יאָר צוריק, און ער איז דער ערגסטער פון אַלע קריזיסן, וועלכער איז באַקאַנט אין דער געשיכטע פונם קאַפּיטאַליזם.

1) פאַרוואָס מוזן קריזיסן זיך איבערחזרן פּעריאָדיש אונטערן קאַפּיטאַליזם ?

2) פאַרוואָס ווערן די קריזיסן וואָס ווייטער אַלץ צעשטערנדיקער?

3) פאַרוואָס פירט די אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם צו קלענערע איבעררייסן צווישן איין קריזיס און דעם צווייטן ?

V. קריזיסן אין פעריאָד פון מאָנאָפּאָל-קאַפּיטאַליזם

אומגעפער ביים אָנהייב פון 20סטן יאָרהונדערט איז דער קאַפּיטאַליזם אריינגעגאַנגען אין זיין נייער אימפּעריאַליסטישער שטופע פון אַנטוויקלונג. דער אימפּעריאַליזם איז אַ באַשטימטער און זייער אַ הויכער גראַד פון אַנט־וויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם, אין וועלכן די קאָנצענטראַציע פון פּראָדוקציע פירט צו דער אַלגעמיינער פאַרשפּרייטונג פון מאָנאָפּאָלן, און דער מאָנאָפּאָל הייבט אָן פאַרנעמען דעם ערשטן פּלאַץ אין דער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיע פון די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען און דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע און גע־זעלשאַפטלעכע לעבן הויבט אָן דורכגעדרונגען צו ווערן מיט מאָנאָפּאָליסטישע טענדענצן*).

אימפּעריאַליזם איז די מאָנאָפּאָל־שטופע פונם קאַפּיטאַליזם.

בשעת די קאָנקורענץ וואָס איז פאָרגעקומען פאַר דער הערשאַפט פון מאָנאָפּאָלן פלעגט פאָרקומען צווישן פיל אינדיווידועלע און צעשפּרייטע קאַפּיטאַליסטן, אַנטוויקלט זי זיך איצטער צווישן די גרויסע מאָנאָפּאָליסטן און דעריבער נעמט זי אָן אַ באַזונדער שאַרפן כאַראַקטער.

„אין דער זעלבער צייט אָבער טרייבט דער מאָנאָפּאָל, וועלכער איז ארויסגעוואַקסן פון פרייער קאָנקורענץ, ניט ארויס די לעצטע פון איר עקזיסטענץ, נאָר ער עקזיסטירט איבער איר און מיט איר, און אַזוי ארום פאַראורזאַכט ער אַ צאָל זייער שאַרפע און זייער גרויסע ווידער־שפּרוכן, אַנטאַגאָניזמען און קאָנפליקטן." (לענין, „אימפּעריאַליזם: די לעצטע שטופע פונם קאַפּיטאַליזם.")

די אָרגאַניזירונג פון גרויסע מאָנאָפּאָלן באַצייכנט אַ וואוקס פון סאָציאַלן כאַראַקטער פון דער פּראָדוקציע, וועלכער איז קיינמאָל פריער נאָך ניט געזען געוואָרן אין דער געשיכטע.

„דער קאַפּיטאַליזם אין זיין אימפּעריאַליסטישער פאַזע קומט אָן אויף דער שוועל פון פולשטענדיקער סאָציאַליזאַציע פון דער פּראָדוקציע. די פּראָדוקציע ווערט אַ סאָציאַלע, אָבער די אַפּראָפּריאַציע בלייבט אַ פּריוואַטע. די סאָציאַלע מיטלען פון דער פּראָדוקציע ווערן דאָס אייגנ־טום פון אַ פּאָר מענטשן." (אין זעלבן.)

אָט דער ווידערשפּרוך צווישן דער געזעלשאַפטלעכער נאַטור פון דער פּראָדוקציע און דעם אופן פון דער אַפּראָפּריאַציע, די פּריוואַטע נאַטור פון אַפּראָפּריאַציע, איז דער הויפּט ווידערשפּרוך פון קאַפּיטאַליזם און איז די

*) זע נעקסטע לעקציע.

הויפּט אורזאַך פון קריזיסן. דורך טרייבן „דעם הויפּט ווידערשפּרוך פון קאַפּיטאַליזם“ צו דער העכסטער שטופּע, דורך דער אומגעהויערער אַנט־וויקלונג און סאָציאַליזאַציע פון דער פּראָדוקציע, איינהאַלטנדיק אין דער זעלבער צייט די פּרוכטן פון דער פּראָדוקציע אין די הענט פון אַן אַלץ מער און מער קאָנצענטרירטער גרופּע פון רייכע קאַפּיטאַליסטן, פאַר־שאַרפט דער אימפּעריאַליזם נאָך מער אַלע ווידערשפּרוכן פונם קאַפּיטאַ־ליזם, וועלכע ווערן פּאַראורזאַכט דורך אַט־דעם פונדאַמענטאַלן ווידערשפּרוך און קומען אַף דער אויבערפלאַך בלויז אַלס דער בולטער אויסדרוק פון דעם אינווייניקסטן הויפּט־ווידערשפּרוך. אַריינרעכענענדיק די סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע טעאָרעטיקער, האָבן די אַפּאָלאָגעטיקער (פאַרענטפערער) פונם קאַפּיטאַ־ליזם גרויסע שוועריקייטן אָפּצולייקענען אַט די פּשוטע דערקלערונג פון דעם ענין ווי ער איז אין דער ווירקלעכקייט.

מיר קענען ברענגען אַלס אַ ביישפּיל הילפערדינגן, וועלכער האָט צוריק מיט יאָרן געמאַכט אַ פאַרזוך אויסצופאָרשן די „ענדערונגען אין דער נאַטור פון קריזיסן“, ווידמענדיק אַ ספּעציעלן קאַפּיטל אין זיין „פינאַנץ־קאַפּיטאַל“ צו דעם געגנשטאַנד. דאָרט האָט הילפערדינג זיך באַמיט צו באַווייזן, אונטערן צודעק פון אַן אַנאַליז וועגן די באַזונדערע שטריכן פון די קריזיסן אין פּעריאָד פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל, אַז אינערהאַלב דעם קאַפּיטאַליזם האָבן מיר פּאַקטיש געהאַט אַן אָפּשוואַכונג פון זיינע קריזיסן.

„מיט דער אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע געפינען מיר, אַז די קליין־פּראָדוקציע און די פּראָדוקציע וואָס איז געמאַכט געוואָרן פאַרן פּראָדוצירערס פאַרברויך ווערט איבעראַל פאַר־ניכטעט. דער קריזיס רירט איצט אָן אַ טייל פון דער פּראָדוקציע, וועמעס איינשרומפּונג איז באַגרעניצט דורך דער נויטווענדיקייט צו נאָכקומען די רעלאַטיווע און אַבסאָלוטע גרעסערע, באַדייטנד גרעסערע, סאָציאַלע נאָכפראַגע.“

פון דעם ציט הילפערדינג דעם שלוס אַז:

„מיטן פּראָגרעסיוון פאַרשריט פון דער פּראָדוקציע גייט אויך אָן אַ פאַרגרעסערונג אין דעם טייל, וועלכער 'מוז' אונטער אַלע אומ־שטענדן ווערן פאַרגעזעצט. מען קען דאָס זען פון דעם פאַקט, וואָס די צווייגן פון דער אינדוסטריע, וועלכע באַדינען דעם פאַרברויך, זיינען, פאַרהעלטנישמעסיק, ניט אַזוי שווער געטראָפן פון קריזיס.“ (הילפערדינג, „פינאַנץ־קאַפּיטאַל“, זייט 360, ווין, 1923.)

נאָר דורך אַ פּשוטן פאַרראַט פון אַלצדינג, וואָס מאַרקס האָט געלערנט,

און די גראָבע פּאַרדרייאונג פון דיווירקלעכע פאַקטן פון דעם ענין, איז געווען מעגלעך פאַר הילפערדינגן צו קומען צו אַזאַ שלוס. ווי ער דיינקט, קומט די אָפּשוואַכונג פונם קריזיס דורכדעם, וואָס אונטערן קאַפּיטאַליזם איז פאַראַן אַ געוויסער מינימום נידעריקער פון וועלכן דער פאַרברויך קען ניט אַראָפּזינקען, און דערפאַר ווערט יעדע מעגלעכע פאַרקלענערונג אין דער פּראָדוקציע באַגרעניצט פון אָט דעם מינימום. אָבער דער קאַפּיטאַליזם ווייסט בלויז פון אַזאַ פאַרברויך פאַר וועלכן מען האָט באַצאָלט, און ס'פאַרשטייט זיך, אַז דער סכום פון דעם פאַרברויך ווערט בשום אופן ניט באַשטימט פון דער פיזיאָלאָגישער באַדערפעניש פון די מענטשן פאַר שפּייז. די סומע פון פאַרברויך אין יעדער געגעבענער צייט ווערט באַשטימט בלויז פון דער קויפ־קראַפט פון די מאַסן; און ניט קוקנדיק ווי שטאַרק די מאַסן מעגן הונגערן און ליידן פון נויט — וועט בלויז דאָס אַליין קיינמאָל ניט פאַראורזאַכן קיין ברעקל נאָכפראַגע פאַר סחורות, אַזוי לאַנג ווי די מאַסן זיינען באַרויבט דורך אַרבעטלאָזיקייט און נידעריקן לוין, פון די נויטווענדיקע מיטלען וואָס זאָלן זיי געבן די מעגלעכקייט צו קויפן די שפּייז. אונטערן קאַפּיטאַליזם ווערט דער „מינימום“ אויך אַרונטערגעדריקט.

לויט הילפערדינגען קומט אויס, אַז פריער פאַר אַלץ איז די פּראָדוקציע אָפּהייַנגיק פון פאַרברויך. דער אמת איז אָבער פונקט פאַרקערט, וואָרים דער גאַנצער פאַרברויך פונם אַרבעטער קלאַס ווערט באַשטימט פון דעם קורס פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע און פונם פּראָגרעס וואָס ווערט געמאַכט אין דער אָנזאַמלונג פון קאַפּיטאַל.

צווייטנס וויל הילפערדינג אַרויסדרינגען, אַז דער אַרבעטער קלאַס ליידט ווינציקער פון אַלע מאָדערנע קריזיסן, ווייל לויט זיינע באַהויפּטונגען, ווערט די פּראָדוקציע פון די צווייגן פון דער אינדוסטריע, וועלכע אַרבעטן אויס די מיטלען פון פאַרברויך, וועמענס פּראָדוקטן ווערן אויסגעטוישט פאַר דעם אַרבעטערס איינקונפט, ווינציקער באַשריינקט ווי די צווייגן פון דער אינדוס־טריע, וועלכע פאַבריצירן אַזוינע סחורות, וואָס ווערן געקויפט פון די קאַ־פּיטאַליסטן אַלס עלעמענטן פון זייער כסדרדיקן קאַפּיטאַל. אַף אַזאַ מין אופן זעט זיך קלאָר אַרויס די פאַלשקייט פון הילפערדינגס באַהויפּטונג, אַז פאַר־ברויך — און דעריבער אויך דער איינקונפט פונם אַרבעטער קלאַס — קען ניט אַראָפּזינקען נידעריקער פון אַ געוויסן מינימום.

צום סוף „באַווייזט“ הילפערדינג, אַז קריזיסן ווערן אָפּגעשוואַכט דער־פאַר ווייל דער קאַפּיטאַליזם ברייטערט זיך אויס און די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע לייזט אויף די האַנט־ווערקעריי. לויט מאַרקסן אָבער, פירט די אויסברייטערונג פונם קאַפּיטאַליזם אין דער ריכטונג פון מער קריזיסן.

אָננעמענדיק הילפערדינגס וואָרט, געפינען מיר אַנדערע „באַווייזן“ צום גונסטן פון זיין טעאָריע וועגן דער אָפּשוואַכונג פון קריזיסן; דער ערשטער און דער הויפּט באַווייז צווישן זיי איז, אַז

„ענדערונגען אין די דערשיינונגען, וועלכע גייען מיט קריזיסן, וועלן אויך מוזן פֿאַרקומען אלס א רעזולטאט פון די פֿאָרשריטן וועלכע ווערן געמאכט אין דער קאפּיטאליסטישער קאָנצענטראַציע.“ (אין זעלבן, זייט 360.)

ווייטערדיקע „באַווייזן“ ווערן געזען אין דער פאַרקלענערטער ספּעקולאַציע, וואָס קומט כלומרשט פאָר.

„נאָך דארף דערמאָנט ווערן דער פאקט, וואָס ספעקולאציע סיי אין גרויס און סיי אין וויכטיקייט האָט זיך אף א סך פארקלענערט. דאָס איז אמת לגבאי דער ספעקולאציע אין סחורות, ווי אויך אין ווערט־פּאַפּירן.“ (אין זעלבן, זייט 365.)

אזוי זאָגט הילפערדינג, וועלכער פארבינדט די פּאַרקלענערונג פון ספּעקולאַציע מיט, וואָס ער האַלט, איז די אומבאגרעניצטע מאַכט פון די באַנקן, אונטער דער דאָמינירונג פון פינאַנץ־קאפּיטאל; די זעלביקע באַנקן, וועלכע שטופּן אראָפּ די בירזשע צו א צווייט־קלאסיקן פּלאַץ, רעדוצירן די ספּעקולאַציע און „אָרגאַניזירן“ דעם קאַפּיטאַליזם, און אחוץ דעם זיינען זיי אויך כלומרשט פּייאיק צו פאַרמילדערן די שרעקלעכע ווירקונג פון דעם קריזיס.

יעדער איינער קען לייכט זען די אידיאָטישקייט פון הילפערדינגס השערות. קודם כל, קען די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע, אף וואָסערן אופן ס׳זאָל ניט זיין, בלויז פאראורזאכן א פארשטארקערונג פון די קריזיסן, ווייל זי פאַרשטאַרקט און אַנטוויקלט די פּראָגרעסיווע סאָציאַליזאַציע פון דער פּראָדוקציע אָפּן באַזיס פון א ווידערשפּרעכלעכער פּריוואַטער אַפּראָפּריאַציע. מארקס, וואָס האָט באַגריפן די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע אלס אן אויסדרוק פון דעם אַלגעמיינעם געזעץ פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָנזאַמלונג, האָט שטענדיק אונטערגעשטראָכן די פארגרעסערונג פון דער רעזערוו־אַרמיי (די „איבער־באַפעלקערונג“ פון די קאַפּיטאַליסטן), און די פאַרטיפערונג פון דער נויט צווישן די אָרימע מאַסן.

די צווייטע השערה פון הילפערדינגן, לויט וועלכער ער אַנטוויקלט זיין טעאָריע וועגן דער אָפּשוואַכונג פון קריזיסן, דאָס הייסט, זיין טעזיס וועגן דער פארקלענערונג פון ספּעקולאַציע, קען בלויז באַטיטלט ווערן אלס אבסורד און נארישקייט.

ס׳איז קיין שום ספק ניטאָ, אז אונטערן קאַפּיטאַליזם ווערט די זעלבסטשטענדיקייט פון דער בירזשע קלענער און אין דעם פאַל ווערט איר ראָלע פאַרקלענערט. בירזשע אָפּעראַציעס ווערן מער און מער געפירט פון די גרויסע באַנקן, אינשורענס קאָמפּאַניעס און אזוי ווייטער. די באַנקן

ליען אויך געלט צו די פּריוואַטע ספּעקולאַנטן אַף דער בירזשע. די ספּע־קולאַציע גייט אַזוי אַרום אַן אַף אַזאַ גרויסער שטופּע, וואָס מען האָט נאָך ביז אַהער ניט געזען. פאַרגלייכנדיק עם מיט דער פריערדיקער ספּעקולאַציע פון דער פרייער בירזשע שיינט די לעצטע אויס צו זיין אַ קליינלעכער גאַסן־מסחר. די אומגעהויערע ווירקונג פון דער בירזשע ספּעקולאַציע, וואָס האָט פאַרשטאַרקט די ווירקונגען פון דעם קריזיס, קען מען זען פון דעם אַמעריקאַנעם קראַך אין 1929, די העטרי און קרויגער און פילע אַנדערע פינאַנציעלע „סקאַנדאַלן".

צומלעצט, האָט הילפערדינג געמאַכט אַ פאַרזוך צו באַווייזן אין פאַר־בינדונג מיט באַנק־קריזיסן, אַז אין דער לעצטער פאַזע פון דער קאַפּיטאַ־ליסטישער אַנטוויקלונג איז

„אַ באַשטימנדיקער פאַקטאָר דאָס וואָס ס'איז ניטאָ קיין שום מאַנגל אין די מיטלען פון צאָלונגען". (אין זעלבן, זייט 363.)

אַזוי אַז ס'מעג באמת געזאָגט ווערן אַז

„דאָ אויך דעקט אויף די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג טענדענצן, וועלכע ברייינגען אַריין אַ פאַרמילדערונג פון דעם קריזיס פאַרן קאַפּי־טאַל". (אין זעלבן, זייט 365.)

און דעריבער דאַרפן קריזיסן שוין מערער ניט זיין באַגלייט פון

„דער שאַרפער דערשיינונג פון בירזשע, באַנק, קרעדיט און געלט קריזיס". (אין זעלבן, זייט 369.)

קאַוטסקי, אין זיין קריטיק איבער „פינאַנץ־קאַפּיטאַל", האָט צו־געגעבן, אַז הילפערדינג איז געווען פולשטענדיק גערעכט אין דער פראַגע פון פאַרמילדערונג, וועלכע ווערט בלומרשט באַמערקט אין די ווירקונגען פונם קריזיס; ער האָט געשריבן:

„ווי אַזוי די דאָזיקע מילדערנדיקע ווירקונג ווערט אָנגעווענדעט ווערט פאַר אונז באַוויזן פון הילפערדינגען דורך זייער אַ בילדלעכן אופן." („ניי־צייט" 1910-11, 39, זייט 881.)

קאַוטסקי האָט זיך באַמיט צו ברייינגען די דאָזיקע דורכאויס אָפּאָ־לאָגעטישע טעאָריע — וועלכע הילפערדינג האָט אַנטליען פון דעם רוסישן בורזשואַזן עקאָנאָמיסט טוגאַן־באַראַנאָווסקי — אין דער ליניע מיט די פּרינציפּן פון דער ערפורט פּראָגראַם, שרייבנדיק אַף דער אַנדערער זייט, אַז

„באַאָבאַכטעט פון דעם שטאַנדפּונקט פון קאַפּיטאַל, ווייזן זיך די קריזיסן אַרויס פאַרמילדערט *** כאָטש דער ענין זעט אויס צו זיין

גאָר אנדערש ווען מיר באטראכטן דאָס פונם שטאנדפונקט פון די מאסן פון דער באפעלקערונג." (אין זעלבן, זייט 882.)

ווייטער גייט אָן קאוטסקי קלאָרער צו מאכען די באדייטונג פון א מעסיקערן קריזיס פארן קאפיטאליזם דורכדעם, וואָס די פרייזן וועלן אזוי שטארק ניט אראָפּפאלן. נאטירלעך, אונטערן אימפעריאליזם ווערן די פאָלגן פון די צעשטערנדיקע ווירקונגען פון די קריזיסן ארויפגעוואָרפן אף די פּלייצעס פון ארבעטער־קלאס אין א גרעסערן מאסשטאב ווי פריער. אין דעם פונקט אָבער האָט קאוטסקי ניט געהאט דעם מינדסטן חשק זיך ארייצולאָזן. וואָס ער האָט גנדארפט אין פארבינדונג מיט די ווירקונגען פון אזעלכע פארמילדערטע קריזיסן אפן קאפיטאליזם, איז צושטעלן באַווייזן, אז היינטיקע צייטן זיינען קריזיסן ווינציקער צעשטערנדיק ווי פריער, און אז אין מאָדערנע קריזיסן איז דעריבער דאָס פאלן אין פרייזן ניט אזוי שטארק; 1921 און 1928 און די ווייטערדיקע יאָרן גיבן שוין אליין א פירוש אף דער טעאָריע.

וואָס אָנבאלאנגט דעם קאפיטאליזם, מיינט א מעסיקייט פון יעדן קריזיס א פארקלענערונג פון דער טיפקייט און קראפט פון קריזיס. אָבער דאָ ליגט די ניט ממשותדיקייט פון קאוטסקיס ביילאגע צו הילפערדינגס „טעאָריע".

בשעת די בורזשואזע עקאָנאָמיסטן האָבן אלץ געהאלטן אין פאָרויסזאָגן, אז קריזיסן וועלן זיך מער ניט איבערחזרן, אָדער אמווייניקסטנס זיי וועלן אָפּגעשוואכט ווערן, און די טעאָרעטיקער פון צווייטן אינטערנאציאָנאל פלעגן האלטן אין איין נאָכזאָגן דאָס זעלביקע ווי פּאָפּוגייען, האָבן לענין און זיינע קאָמוניסטישע נאָכפאָלגער, ווי די אמתע מארקסיסטן, שטענדיק אויסגעלאכט און אָפּגעלייקנט די „טעאָריע" פון דער קאפּיטאַליסטישער אנטוויקלונג אָן קריזיסן.

מיר געפינען דעריבער, אז נאָך אין 1901 האָט לענין געשריבן אין פארבינדונג מיט עדוארד בערנשטיינס באהויפטונג, אז קריזיסן וועלן אָפּגעשאפט ווערן דורך די קארטעלן:

„דער קריזיס (ס'האנדלט זיך דאָ וועגן קריזיס פון 1899־1901) וויזט ווי קורצזיכטיק די דאָזיקע סאָציאליסטן זיינען געווען (וועלכע רופן זיך מסתמא 'קריטיקער', דערפאר וויל זיי נעמען איבער די לערעס פון די בורזשואזע נאציאָנאלע עקאָנאָמיסטן אָן שום קריטיק), וועלכע האָבן אזוי הויך אנאָנסירט מיט 2 יאָר צוריק, אז צוזאמענברוכן וועלן ווי עס שיינט איצט פארקומען זעלטענער." (לענין, „געזאמלטע ווערק", באנד 4, בוך 1, זייט 205.)

לענין, וואָס האָט אויסגעפאָרשט די ספּעציעלע שטריכן פון דעם נייעם פעריאָד פון קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג, האָט באוויזן, אז די קארטעלן

און טראַסטן קענען ניט באַשריינקען קיין קריזיסן, נאָר אין געגנזאַץ, זיי פאַרשאַרפן נאָך מער די ווידערשפּרוכן פונם קאַפּיטאַליזם און העלפן אַזוי אַרום דעם אויסברוך פון קריזיסן.

„די באַהויפּטונג, אַז קאָמבינאַטן (טראַסטן) שאַפן אָפּ די קריזיסן, איז בלויז אַ בבא מעשה, וועלכע ווערט אויסגענוצט פון די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן, וואָס האָבן זיך פאַרלייגט צו באַרעכטיקן דעם קאַפּיטאַליזם אויף יעדן פּרייז. פאַרקערט, ווען דער מאָנאָפּאָל באַווייזט זיך אין געוויסע צווייגן פון דער אינדוסטריע פאַרגרעסערט ער און אינטענסיפיצירט דעם כאַאָס, וואָס איז אייגנטימלעך צו דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע אַלס אַ גאַנצער.“ (לענין, „אימפּעריאַליזם: די לעצטע שטופע פונם קאַפּיטאַליזם“, זייט 27.)

די קריזיסן, וועלכע האָבן אָנגערירט דעם אימפּעריאַליזם אין דער פאַרגאַנגנהייט, און באַזונדערס דער קריזיס וועלכער האָט זיך אָנגעפאַנגען אין 1929, האָבן בלויז אויפגעדעקט אַמפּשוטסטן די ניט אויסגעהאַלטנקייט פון הילפערדינגס גאַנצער „טעאָריע“ וועגן דער אָפּשוואַכונג פון די קריזיסן אונטערן אימפּעריאַליזם. און באַזונדערס האָט דער קריזיס פון 1929 אָפּגעלייקנט זיין באַהויפּטונג, אַז אין דער עפּאָכע פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל זיינען די באַנקן ניט אונטערגעוואָרפן צו דעם געוואַלטיקן איינפלוס פון קריזיסן.

די באַדייטונג פון דעם דאָזיקן אַנאַליז פאַר אונז היינט צו טאָג ליגט אין דעם פאַקט, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע עקאָנאָמיסטן און די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע שרייבער זאָגן, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז נאָך ניט גענוג אָרגאַניזירט; וואָס מען דאַרף איז מער אָרגאַניזאַציע — אונטער די אייגנטום־באַציאונגען פונם קאַפּיטאַליזם. די לייבאָר־פּאַרטיי טעאָרעטיקער זיינען אַלע איצט געוואָרן „פּלאַנירער“. זע צום ביישפּיל, הערבערט מאָריסאָנס בוך וועגן דער „סאָציאַליזאַציע פון טראַנספּאָרט“, וואו דער גלאָריפיצירטער לאָנדאָנער טראַנספּאָרט־קאָמבינאַט, וואָס האָט זיך פאַראייניקט מיט ל. סי. סי. אָבער נאָך אַלץ אונטער דער פירערשאַפט פון לאָרד אשפילד און מיסטער פּיק, ווערט אַרויסגעשטעלט אַלס אַ ביישפּיל. אָבער אָט די פּלענער שאַפן ניט אָפּ די פונדאַמענטאַלע ווידערשפּרוכן פונם קאַפּיטאַליזם.

פ ר אַ ג ן :

1) פאַרוואָס איז הילפערדינגס אַפּאָלאָגעטישע טעאָריע בנוגע די ענדערונגען אין דער נאַטור פון קריזיסן און דער אָפּשוואַכונג און מעסיקייט פון קריזיסן אַ פאַלשע?

2) פאַרוואָס מוז די קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל און דער מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליזם פירן צו דער פאַרשאַרפונג פון קריזיסן?

VI. דער איצטיקער קריזיס אין ליכט פון דער מאַרקסיס־טישער לעניניסטישער טעאָריע

1. די איצטיקע עפּאָכע אַלס די עפּאָכע פון אַן אַלגעמיינעם קריזיס פון קאַפּיטאַליזם

די וועלט־מלחמה פון 1914־18 האָט פאַרשאַרפט די ווידערשפּרוכן פונם קאַפּיטאַליזם און האָט אריינגעפירט דעם אָנפאַנג פון דער עפּאָכע פון אַן אַלגעמיינעם קריזיס פאַרן קאַפּיטאַליזם.

דער אַלגעמיינער קריזיס פונם קאַפּיטאַליזם זעט זיך הויפּטזעכלעך אַרויס אין דער צעשפּליטערונג פון דער וועלט־עקאָנאָמיע, און דער צוריק־ציאונג פון איין זעקסטל פונם ערד־קוגל — דאָס מיינט, דער סאָוועטן־פאַרבאַנד — פון דער ספערע פון קאַפּיטאַליסטישן איינפלוס.

דאָס מיינט אַז:

„דער קאַפּיטאַליזם שטעלט שוין מיט זיך מער ניט פאָר די איינציקע און אַלץ־ארומכאַפּנדיקע סיסטעם פון דער וועלט־עקאָנאָמיע, ווייל זייט ביי זייט מיט דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם פון עקאָנאָמיע עקזיסטירט אויך די סאָציאַליסטישע סיסטעם, וועלכע וואַקסט, וועלכע בליט, וועלכע ווירקט געגן דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, און וועלכע, דורך דעם עצם פאַקט פון איר עקזיסטענץ, דעמאָנסטרירט די צעפוילטקייט פונם קאַפּיטאַליזם און צעשטערט זיינע פונדאַ־מענטן.“ (סטאַלין, דער פּאָליטישער באַריכט צו דעם 16טן פּאַרטיי־קאָנגרעס פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, „לעניניזם“, באַנד 2, זייטן 314־15.)

נאָך מער, די וואָרצלען פון דעם אַלגעמיינעם קריזיס פונם קאַפּי־טאַליזם ליגן אין דער אומגעהויערער אַנטוויקלונג פונם קריזיס אין די אימפּעריאַליסטישע קאָלאָניעס וואו ער קען שוין מער ניט אָפּערירן ווי פריער. די בעסטע ביישפּילן אין דעם פאַל זיינען כינע, אינדאָ־כינע און אינדיע.

אין דער זעלבער צייט האָט די מלחמה צוגעגעבן אַ פרישן און ווייט־גרייכנדיקן אימפּעט צו דער ווייטערדיקער סאָציאַליזאַציע פון דער קאַפּי־טאַליסטישער פּראָדוקציע מיט דעם רעזולטאַט, אַז זי שטייט איצטער נאָך אין אַ גרעסערן ווידערשפּרוך ווי פריער צו דער פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישער פאָרמע פון אַפּראָפּריאַציע, ווייל די פּריוואַטע אַפּראָפּריאַציע פון די פּרוכטן פון דער סאָציאַליזירטער פּראָדוקציע אין משך פון דער מלחמה האָט גע־פירט פון איין זייט צו דער באַרייכערונג אין אַ גרויסן מאַסשטאַב פון אַ קליין הייפעלע פינאַנציעלע פּלוטאָקראַטן, וואָס האַלטן אָן די מאַכט אין די צוויי אָדער דריי זיגער־שטאַטן, און פון דער אַנדערער זייט צו אַן אומ־

באשרייבלעכער נויט און רואינע פאר די גרויסע מאסן פון דער מענטשהייט.

אזוי ווי זאכן זיינען היינט צו טאג ווייזט זיך די קאפיטאליסטישע סיסטעם ארויס אלס אונטערגעמינעוועט און שאקלענדיק. ארום דעם צענטראלן פונקט פון דעם קריזיס פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם האט זיך פארדרייט א פארפלאנטערטער קנופ, א פארפלעכטעניש פון אלע אומגעלייזטע ווידערשפרוכן פונם אימפעריאליזם, ספעציעל פון די דאזיקע צענטראלע ווידערשפרוכן אינערהאלב דעם אימפעריאליסטישן לאגער, וועלכע, זייענדיק אליין טיילן פון דעם אלגעמיינעם קריזיס פונם קאפיטאליזם, טוען אומפארמיידלעך זייער חלק אין פארטיפערן דעם קריזיס און וועלן פארזעצן אזוי צו טאן.

אין דעם פאקט, וואס דער קאפיטאליזם קען שוין מער ניט מאכן קיין נוצן פון די כחות פון דער פראדוקציע וואס ער אליין האט ארויס־גערופן צום עקזיסטענץ, קענען מיר זען איינעם פון די מערקווירדיקסטע שטריכן פון דעם מאדערנעם קאפיטאליזם אין דער שעה פון זיין צעפאלונג. קוקנדיק אויף די איינשרומפנדיקע מארקן, זעען מיר אומעטום, אז די מאשינעריע פון דער פראדוקציע איז גרויס אויסער יעדער פראפארציע. דער נאך־מלחמהדיקער קאפיטאליזם איז אזוי ארום איבערגעלאדן מיט אן אומגעהויער ריזיקן אפאראט פון פראדוקציע שטייענדיק אומאויפהערלעך ליידיק און באשאפנדיק אזוי ארום א כראנישע און באשטענדיקע ארבעט־לאזיקייט אף אזא גרויסן מאסשטאב, וואס זיין גליכן איז נאך קיינמאל ניט געזען געווארן אונטערן פאר־מלחמהדיקן קאפיטאליזם.

דער אלגעמיינער קריזיס פונם קאפיטאליזם מיינט אראפזינקונג אין דער אלגעמיינער ארבעט און פראדוציר־צייט פון דער גאנצער מאשינעריע פון דער פראדוקציע, און אזוי ארום באשרייינקט דאס קינסטלעך דעם ארויסלאז אין דער פראדוקציע און באשאפט אן אומגעהויערן וואוקס פון די אלע ניט פראדוציר־טיילן פון דער באפעלקערונג. אין א סך פון די פאר־געשריטנסטע קאפיטאליסטישע לענדער, ווי אין די פאראייניקטע שטאטן צום ביישפיל, איז געוועזן אן אראפפאל אין דער אבסאלוטער צאל פון די ארבעטער אפילו אין פארלויף פון פראספעריטי, בשעת אין דער זעלבער צייט האבן זיך פארברייטערט אלע ניט־פראדוציר ליניעס פון דער קאפי־טאליסטישער עקאנאמיע. אין דער ערשטער רייע געפינען מיר דעם אפאראט פון פארטיילונג, וועלכער האלט אין איין פארגרעסערן זיינע רייען אין אן אומזיסטיקן פארזוך צו קריגן קונים וועלכע עקזיסטירן ניט.

אחוץ דעם איז די פארם־אינדוסטריע איבער דער גאנצער וועלט אין דער אגאניע פון אן אויסערגעוויינלעך שווערן און כראנישן אגראר־ישן קריזיס, וואס עקזיסטירט שוין פאר די לעצטע 10 יאר; א פארם־קריזיס, וואס פארערגערט זיך א דאנק דער ווירקונג פון דעם אלגעמיינעם קריזיס וואס איבערגעוועלטיקט דעם קאפיטאליזם. דער אגראר־ישער קריזיס נעמט

אָן די פֿאָרמע פֿון אַן איבערפּראָדוקציע אין אַגריקולטורעלע סחורות, פֿון אַ דערשטוינענדיקן פֿאַלן אין פּרייזן, וואָס ווערן באַצאָלט פֿאַר אַגריקולטורעלע פּראָדוקטן און פֿאַראורזאַכט די רואינע פֿון אַ סך פֿאַרמערס, קליינע און גרויסע; און, צום סוף, די פֿולשטענדיקע צעפֿאַלונג פֿון אַגריקולטור אין געוויסע לענדער — אינדיע, כינע און אַנדערע.

פֿון דער פֿאַראָרעמונג פֿון דעם אַרבעטער קלאַס און פֿון דער רואינע פֿון די מאַסן פּויערים ווערן געשוואָלן מיט רייכטימער אַ הייפֿעלע פֿינאַנציעלע מאַגנאַטן מיט אַ נאָכפֿאָלגערשאַפֿט אונטער זיך פֿון קופּאָן־שערער און פּאַראַזיטן קאַפּיטאַליסטן. די 5 גרויסע אימפּעריאַליסטישע שטאַטן, למשל, דערוואַרטן אַ יעדלעכן שטייער פֿון זייערע קאָלאָניעס אין דער סומע פֿון 500 מיליאָן פֿונט שטערלינג. זינט דער מלחמה האָט דער אַנטאַגאָניזם, אַ דאַנק די ווידערשפּרוכן צווישן פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע, דערגרייכט אַ זידנדיקן פּונקט. אָבער ווי לענין האָט געזאָגט:

„ס'איז אוממעגלעך פֿאַר אַנדערהאַלבן ביליאָן מענטשן צו לעבן אין שקלאַפֿעריי, וועלכע אַ 'פּראָגרעסיווער' און ציוויליזירטער קאַפּיטאַליזם וויל ארויפֿצווינגען אויף זיי *** דאָס קליינע הייפֿעלע פֿון די רייכסטע שטאַטן *** איז אוממעגלעך צו רעגולירן אינדוסטריעלע באַציאונגען. דער רעזולטאַט איז וועלט־קריזיס.“ (לענין, געזאַמלטע ווערק, באַנד 25, זייט 419. „דער באַריכט צום צווייטן וועלט־קאָנגרעס“, 1920.)

2. דער איצטיקער עקאָנאָמישער קריזיס און דער אַלגעמיינער קריזיס פֿון קאַפּיטאַליזם.

(א) דער ציקלישער כאַראַקטער פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג אין דעם פּעריאָד פֿון דעם אַלגעמיינעם קריזיס פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם.

ענגעלס האָט פֿאָראויסגעזאָגט דעם אויסברוך פֿונם אַלגעמיינעם קריזיס פֿונם קאַפּיטאַליזם נאָך אין די ניינציקער יאָרן. נעמענדיק אַלס באַווייז די אויסגעברייטערטע סאָציאַליזאַציע פֿון דער פּראָדוקציע, פֿון די קאַרטעלן און טראַסטן, וועלכע האָבן זיך שוין אַנטוויקלט אפֿילו דאַמאָלסט אויף דעם שמאָלן באַזיס פֿון דער פּריוואַטער אַפּראָפּריאַציע פֿון די רעזולטאַטן פֿון דער סאָציאַליזירטער פּראָדוקציע, האָט ער באַוויזן אַז די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע וועט פֿירן צו אַזאַ קריזיס, פֿון וועלכן ס'וועט ניט זיין קיין אויסוועג, דאָס הייסט, אַ קריזיס פֿון דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם.

„צו דער טאָג־טעגלעכער וואַקסנדיקער שנעלקייט מיט וועלכער די

פּראָדוקציע קען היינט צו טאָג פארגרעסערט ווערן אף אלע געביטן פון גרויסער אינדוסטריע, איז געגנגעשטעלט די אלץ זיך פארגרעסערנדע לאנגזאמקייט אין דער אויסברייטערונג פון דעם מארק פאר די דאָזיקע פארפילפאכטע פּראָדוקטן. וואָס די ערשטע קען פאבריצירן אין א פּאָר מאָנאטן קען דער לעצטער קוים איינשלינגען אין א פּאָר יאָר. פון דעם נעמט זיך די פּאָליסי פון פּראָטעקטיוו (שוץ) טאריפן, דורך וועל־כע יעדעס אינדוסטריעלע לאנד שניידט זיך אָפּ פון די אנדערע, און באזונדערס פון ענגלאנד, און פארגרעסערט דורכדעם אף א געקינצלטן אופן נאָך מער די פיואיקייט צו פּראָדוציען אינדערהיים. די פאָלגן זיינען אלגעמיינע, כראָנישע איבער־פּראָדוקציע, פאלנדיקע פרייזן, פאלנדיקע פּראָפיטן אָדער קיינע פּראָפיטן; אין קורצן, די לאנג־באַ־רימטע פרייהייט פון קאָנקורענץ האָט שוין אויסגעשעפּט אלע אירע קוואלן און מוז אָפּן פאר דער גאנצער וועלט דערקלערן איר אייגענעם שענד־לעכן באנקראָט." (באמערקונג פון ענגעלס צום „קאפּיטאל", באנד 3.)

ענגעלס האָט געצויגן די שלוסן פון די באָאָבאכטונגען וואָס ער אליין האָט אונטערגענומען איבער די ענדערונגען אין דעם כאראקטער פון דער אנטוויקלונג פונם קאפּיטאַליזם, וועלכע זיינען געקומען צו דער ליכט אין לעצטן פערטל פון דעם 19טן יאָרהונדערט.

דערקלערנדיק די דאָזיקע שלוסן האָט ער אויסגעדריקט דעם שטאַנד־פּונקט אַז

„מען קען כמעט זאָגן, אז ענגלאנד וועט אויסקומען איבערצו־גיין צו אזא לאגע וואָס איז שוין מער ניט פּראָגרעסיוו".

און ציענדיק די אויפמערקזאמקייט צו דעם פאקט אז

„די קאפּיטאליסטישע פּראָדוקציע קען ניט ווערן סטאביליזירט, אז זי מוז אָדער וואקסן און אויסברייטערן זיך, אָדער שטארבן", (פּאָר־וואָרט צו זיין „די לאגע פונם ארבעטער־קלאס אין ענגלאנד", 1892; זע אויך זיינע „קורצע עקאָנאָמישע עסייען".)

האָט ענגעלס ארויפגעבראכט די פראגע:

„אָבער וואָס וועט טרעפן, ווען די פארגרעסערונג אין דער יער־לעכער פּראָדוקציע וועט פולשטענדיק געבראכט ווערן צו א שטיל־שטאנד?" (אין זעלבן)

„דאָ — שרייבט ער — ליגט די שוואכע 'אכילעסעס פּיאטע' פון דער קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציע. די לאגע אין וועלכער זי לעבט איז די נויטווענדיקייט פון כסדרדיקער אויסברייטערונג, און די דאָזיקע כסדרדיקע אויסברייטערונג ווערט איצט אוממעגלעך." (אין זעלבן)

„וואָס וועט זיין — פרעגט ענגעלס — ווען דער דריקנדיקער שטיל־שטאַנד פון דער געגנוואַרט וועט ניט נאָר ווערן פאַרגרעסערט, נאָר די דאָזיקע פאַרטיפטע לאַגע פון טויטלעכער דערדריקונג וועט ווערן די כסדרדיקע אין נאָרמאַלע לאַגע פון דער בריטישער אינדוסטריע?“ (אין זעלבן)

ענגעלס, וועלכער, ווי מיר זעען, האָט פאָראויסגעזאָגט דעם שטיל־שטאַנד פאַר דעם בריטישן קאַפּיטאַליזם, שטעלט זיך אַליין די פראַגע, וואָסערע פאָרמען די באַוועגונג פונם קאַפּיטאַליזם וועט אָננעמען. ער זאָגט פאָראויס אַז

„אויב פּראָספּעריטי וועט אויפהערן אינגאַנצן צו עקזיסטירן וועט דאַן א כראָנישער שטילשטאַנד מיט בלויז קליינע ענדערונגען ווערן די נאָרמאַלע לאַגע פון דער מאָדערנער אינדוסטריע“. (פאָרוואָרט פון ענגעלסן צו „די אָרעמקייט פון דער פילאָזאָפיע“: זע אויך זיינע קורצע עקאָנאָמישע עסייען.)

פאַקטיש איז דער נאָך־מלחמהדיקער פעריאָד פונם קאַפּיטאַליזם, ווי מיר וועלן זען ווייטער, כאַראַקטעריסטיש צוליב דער לאַנגזאַמקייט פון זיינע פעריאָדן פון אויפלעבונג און צוליב דער צעצויגנקייט פון די פע־ריאָדן אין וועלכע די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע ווערט צעריסן דורך צעטרייסלענדע קריזיסן.

(ב) ספּעציעלע שטריכן פון דער „בעסערן־טרייד“ פאַזע.

דער אַלגעמיינער קריזיס פונם קאַפּיטאַליזם שליסט פאַר קיין שום פאַל ניט אויס די ציקלישע פאָרמע וועלכע די באַוועגונג פונם קאַפּיטאַ־ליזם נעמט אָן, און וועלכע ווערט געזען אין די ענדערונגען פון די פאַר־שיידענע פאַזן און דאָס נאָכפאָלגן פון קריזיסן, פעריאָדן פון גוטן טרייד, און פון שטילשטאַנד.

„אַזוי לאַנג ווי דער קאַפּיטאַליזם עקזיסטירט זיינען די ציקלישע באַוועגונגען אוממפאַרמיידלעך. זיי וועלן אים אויך באַגלייטן אין זיין לעצטער אַגאָניע, פּונקט ווי זיי האָבן דאָס געטאָן אין זיין פריעסטער.“ („טעזיסן פון דעם דריטן קאָנגרעס פון דעם קאָמוניסטישן אינטער־נאַציאָנאַל“, 1921.)

דער מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליזם און דער אַלגעמיינער קריזיס, וועלכער ווערט איצט איבערגעלעבט, לייגן אַוועק זייער שטעמפּל אויף דער גאַנצער באַוועגונג פונם ציקל און אויך אויפן כאַראַקטער פון דעם פּראָספּעריטי פעריאָד און אויך אויפן קריזיס אינערהאַלב דעם ציקל.

דער אַלגעמיינער קריזיס פונם קאַפּיטאַליזם, ניט ווינציקער ווי די דאָזיקע ציקלישע קריזיסן, איז אַ באַוועגונג וועלכע פירט צו דער צעשפּאַל־טונג פון דער געזעלשאַפט און צו דער פאַרשאַרפונג פון אירע ווידערשפּרוכן. דאָך אָבער עקזיסטירט אַ וויכטיקער אונטערשייד צווישן ציקלישע קריזיסן און צווישן דעם אַלגעמיינעם קריזיס פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם.

ציקלישע קריזיסן ברעכן אויס צווישן מער אָדער ווייניקער באַ־שטימטע איבעררייסן און זיי זיינען די פאָרמע פון אַן אַרויפגעצוואונגענער, כאָטש אַ ציטווייליקער, לייזונג פון די ווידערשפּרוכן פון דער קאַפּיטאַ־ליסטישער סיסטעם. דער אויסוועג פון ציקלישע קריזיסן ליגט אין דעם פּעריאָד פון פּראָספּעריטי, וועלכער פאָלגט נאָך און פירט ווייטער צו אַ קריזיס.

אין אַ געוויסער שטופע אין דער אַנטוויקלונג פונם אימפּעריאַליזם זאַמלען זיך אָן די ווידערשפּרוכן פונם קאַפּיטאַליזם צו אַזאַ מין גראַד, אַז זיי קענען מער ניט געלייזט ווערן דורך די געוויינלעכע פּעריאָדישע קרי־זיסן. דער קאַפּיטאַליזם גייט דאַמאָלס אַריין אין אַן עפּאָכע פון ווידער־שפּרוכן וועלכע זיינען ניט לייזבאַר אינערהאַלב דעם פונדאַמענט פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. דער אַלגעמיינער קריזיס פונם קאַפּיטאַליזם ווערט אַזוי אַרום דערקענט אַלס בשום אופן ניט קיין פאַזע פון דעם ציקל; ער בילדעט אַ שטופע אָדער אַ פאַזע פון דעם אימפּעריאַליזם, אַ גאַנצע עפּאָכע אין דעם באַרג־אַראָפּ גאַנג פונם קאַפּיטאַליזם, פון וועלכן בלויז די צעשמע־טערונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם דורך דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט קען ברענגען אַ לייזונג, ווייל זיינע אייגנטימלעכע ווידער־שפּרוכן ווערן געשטופּט צו זייער עקסטרעמסטן פונקט.

כאָטשע די ציקלישע נאַטור פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג זעצט פאָר איר עקזיסטענץ אפילו אין די אַלגעמיינע קריזיסן פונם קאַפּי־טאַליזם, איז אָבער די „בום"־פאַזע מער ניט כאַראַקטעריזירט דורך איר פריערדיקער לעבעדיקייט; די פאַזע וואָס מיר קענען איצט אַלס דער קריזיס איז באַזונדערס צעשטערנד אין זיין ווירקונג.

הויפּטזעכלעך, די בום־פאַזן פון דעם ציקל, וואָס קומען פאָר אַ קרי־זיס, זיינען ניט אַף אַזאַ ברייטן גראַד ווי זיי פלעגן זיין אין די פריער־דיקע שטופן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג.

דער פאַקט דאַרף דאָ באַמערקט ווערן, אין דעם פונקט, אַז אַ בום איז ניט פאָרגעקומען פאַר דעם איצטיקן קריזיס אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

בשעת, למשל, פילע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, די פאַראייניקטע שטאַטן צווישן זיי, האָבן איבערגעלעבט אַ בום־פאַזע ביז 1929, איז אָבער פון דער צווייטער זייט, אין אַזוינע וויכטיקע לענדער ווי אין ענגלאַנד און אין דייטשלאַנד, ניט באַמערקט געוואָרן קיין שום בום פון אַ וואָסער ס'ניט

איז גראַד — פאַרקערט, זייער אַנטוויקלונג האָט אַרויסגעוויזן אַ שטיל־שטאַנדיקן כאַראַקטער דורך די יאָרן פאַר דעם איצטיקן קריזיס. דער ניוואָ פון דער פּראָדוקציע אין דייטשלאַנד אין פאַרגלייך מיט 1913 איז געשטאַנען 100 פּראָצענט אין יאָר 1927; 102 פּראָצענט אין 1928; און 101 פּראָצענט אין 1929. אין פאַל פון בריטישן קאַפּיטאַליזם זעען מיר נאָך קלאָרער, אַז ס'האָט ניט דערגרייכט דעם ניוואָ פון 1913, אַפילו מיט דער אַנטוויקלונג פון די „נייע" אינדוסטריעס. אין פילע הויפּט אינדוס־טריעס איז די פאַר־מלחמהדיקע ניוואָ אינגאַנצן ניט דערגרייכט געוואָרן.

אַפילו אין די לענדער, וואָס האָבן איבערגעלעבט אַ בום־פּעריאָד איי־דער דעם אויסברוך פון דעם איצטיקן קריזיס, איז דער בום ניט געווען פון קיין אַלגעמיינער נאַטור, און בשעת די בורזשואַזע און די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן פון אַמעריקאַנער „פּראָספּעריטי" זיינען הייזעריק געוואָרן שרייענדיק איבער דעם נאָך־ניט געזעענעם נאָך־מלחמהדיקן גרויסן בום האָט אַפילו די הואָווער קאָמיסיע געמוזט עדות זאָגן אויף פונקט דעם פאַרקערטן — דער פאַקט וואָס אַט־דער בום איז ניט געווען אַזוי אַלגעמיין ווי ער האָט געדאַרפט זיין.

„בשעת די אינדוסטריע אַלס אַ גאַנצע האָט געבויט — באַאָבאַכטעט די קאָמיסיע אין איר אַלגעמיינעם איבערבליק — זיינען אייניקע צווייַגען געווען הינטערשטעליק, ספּעציעל די שיף־בויאונג, זאָוואָדן פאַר דער פאַבריצירונג פון אייזנבאַן־מאַטעריאַלן, און אַגריקולטור; אויף אַ קלע־נערן מאַסשטאַב, די וועב־אינדוסטריע, קוילן, שטיוול און שיך־אינדוס־טריעס." („לעצטע ענדערונגען אין דער עקאָנאָמיע פון די פאַראייניקטע שטאַטן", צווייטער טייל.)

באַזונדערס וויכטיק אויף אונטערצושטרייכן די ספּעציפישע שטריכן פון דעם פאַר־קריזיס בום איז דער פאַקט וואָס איבער דער גאַנצער וועלט איז די פאַרם־אינדוסטריע דורכגעגאַנגען אַ שאַרפן אַגראַרישן קריזיס, וועל־כער איז באַזונדער שאַרף געווען אין די קאָלאָניאַלע לענדער, ווי אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן וואו ס'איז פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע רואינע פון די פאַרמערס אין פאַרלויף פון דעם אַזוי גערופענעם פּעריאָד פון פּראָספּעריטי.

אחוץ אַגריקולטור זיינען אַ היפּשע צאָל פון די וויכטיקסטע צווייגן פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע געווען אין אַ לאַגע פון שטילשטאַנד אין די פאַר יאָר פאַר דעם קריזיס, און דאָס איז געווען ניט נאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטן, נאָר איבער דער גאַנצער וועלט.

דער ספּעציעלער שטריך פון דעם לעצטן „בום" איז ניט געווען בלויז דאָס, וואָס ער איז ניט געווען פון אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, נאָר דאָס וואָס אין דעם אַזוי־גערופענעם פּעריאָד פון גוטן־טרייד, איז די נאָרמע צו

וועלכער די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע האָט זיך אויפגעהויבן געוועזן זייער אַ שוואַכע. צום ביישפּיל, אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז דער אַרויסלאָז פון מינעראַלן און רויע מאַטעריאַלן געשטיגן אין די יאָרן 1902 ביז 1907, יערלעך 8.8 פּראָצענט; די פּראָדוקציע אין די פאַבריצירנדיקע טריידס, אַף 5.8 פּראָצענט; אייזן אַף 9.7 פּראָצענט; און קוילן אַף 9.2 פּראָצענט. אין משך פון דער „פּראָספּעריטי" כוואַליע, דאָס הייסט פון 1922 ביז 1927, איז די נאָרמע פון דעם יערלעכן צואוואוקס אין אינדוס־טריעלער פּראָדוקציע געווען באַדייטנדיק ווינציקער: מינעראַלן און רויע מאַטעריאַלן 5.7 פּראָצענט; אין פאַבריצירנדע טריידס 4.4 פּראָצענט; אייזן 4.1 פּראָצענט; און קוילן 2.2 פּראָצענט.

נאָך מער, ניט נאָר שטילשטייענדיקע צווייגן פון דער פּראָדוקציע האָבן באַוויזן אַ שוואַכערע נאָרמע אין וואוקס פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע אין פאַרגלייך מיט פאַר־דער־מלחמה, נאָר אויך די צווייגן וועל־כע האָבן דערגרייכט דעם שפּיץ פון דעם בום. דער אַרויסלאָז אין דער אויטאָמאָביל־אינדוסטריע אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז געוואַקסן פון 1904 ביז 1908 אַף 42.4 פּראָצענט; פון 1919 ביז 1923 אַף 16.9 פּראָ־צענט; און פון 1924 ביז 1929 בלויז אַף 4.7 פּראָצענט יערלעך. אַן אַנ־דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דעם בום וועלכער איז געקומען פאַר דעם קריזיס און וועלכער איז באַמערקבאַר געווען אין אַלע לענדער, וועלכע האָבן איבערגעלעבט אַ וואָסער ס'ניט איז בום, איז געווען ניט נאָר די אַלגעמיינע רעלאַטיווע שוואַכקייט פון דעם גוטן־טרייד פּעריאָד, נאָר אויך די אָפּטע און שטאַרקע ברוכן. אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז דער בום, וועלכער איז אָנגעקומען נאָך דעם קריזיס פון 1921, צוויי מאָל שטאַרק אָפּגעבראָכן געוואָרן; איינמאָל אין 1924 און נאָך אַמאָל אין 1927, ווען ס'איז פאָרגעקומען אַ שאַרפער אַראָפּפאַל אין דער אינדוסטריעלער פּראָ־דוקציע צוזאַמען מיט אַ היפּשן אַראָפּפאַלן אין די פּרייזן, און מיט אַ גרויסן אָנוואוקס אין די רייען פון די אַרבעטסלאָזע, א. אז. וו. אין דעם פאַל פון 1924סטן ברוך איז דער סכום פון דער פּראָדוקציע אין די פאַבריצירנדע טריידס אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַראָפּגעגאַנגען אַף 23.4 פּראָצענט, און אין 1927סטן ברוך אַף 11.6 פּראָצענט; אין ערשטן פאַל איז אויך דער אָנצייגער פון הורטאָוונע פּרייזן געזונקען אַף 9.8 פּראָצענט; אין צווייטן פאַל 9.4 פּראָצענט. וואָס אָנבאַלאַנגט די צאָל באַשעפטיקטע אַרבעטער איז זי אַראָפּגעפאַלן אַף 16.8 פּראָצענט, און 10.1 פּראָצענט.

דער אַלגעמיינער קריזיס פונם קאַפּיטאַליזם האָט זיך באַזונדערס בולט אַרויסגעזען אין משך פון דער בום־פאַזע פון דעם פאַקט, וואָס אַפילו דאַן האָט די מאַשינעריע פון דער פּראָדוקציע געאַרבעט אונטער איר מעגלעכ־קייט און ס'האָט עקזיסטירט כראָנישע אַרבעטלאָזיקייט. אַזוי, צום ביי־שפּיל, אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן די שמעלץ־אויוונס אין דעם

פעריאָד פון 1922 ביז 1928 געאַרבעט אפן יערלעכן דורכשניט פון 67 פּראָצענט פון דער פּראָדוציר־קאַפּאַציטעט; דער פּראָצענט פון אָפּענע אויוונס איז געווען 73.8 פּראָצענט, פאַר בעסערער שטאָל־פּראָדוקציע 65.4 פּראָצענט און פאַר עלעקטרישע אויוונס 41.6 פּראָצענט. אין דייטשלאַנד איז דער יערלעכער דורכשניט פון דער שטאָל־פּראָדוקציע פון 1926 ביז 1929 געווען 86 פּראָצענט פון דער פּראָדוקציע־קאַפּאַציטעט.

אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז דער רעזולטאַט פון אַזאַ אונ־טער־פּראָדוקציע געווען אַ דויערנדיקע און פּאַרעקשנטע אַרבעטלאָזיקייט, וועלכע האָט אָנגערירט זייער גרויסע טיילן פון די אינדוסטריעלע אַרבעטער. אינפאָרמאַציע וועגן אַרבעטלאָזיקייט אין די פאַראייניקטע־שטאַטן איז אויסערגעוויינלעך ניט פולשטענדיק און ס'גיט זייער אַן אומפּינקטלעכן באַגריף פון דער אמתער לאַגע דאָרט. אָבער אפילו די ציפערן, ווי ווייט אומפּינקטלעך זיי זאָלן ניט זיין, גיבן אַ מעגלעכקייט צו האָבן אַ באַגריף וועגן דער ריזיקער אַרבעטלאָזיקייט, וואָס האָט דאָרטן געהערשט דורך דער צייט פון דעם בום־פּעריאָד. למשל, די מיינונג פון דער הואווער־קאָמיסיע, איך אַז זינט 1922 איז די אַרבעטלאָזיקייט אין די פאַראייניקטע שטאַטן קיינ־מאָל ניט אַראָפּגעפאַלן אונטער 5.6 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל באַשעפטיקטע אַרבעטער, דאָס הייסט, אַן ערך איינס און אַ האַלב ביז 3 מיליאָן מענטשן. די זעלביקע הואווער קאָמיסיע, וועלכע ציטירט די דאָ־זיקע ציפערן אין איר באַריכט, גיט צו אַז זיי (די ציפערן) „ליידן פון באַ־דייטנדיקער אומפּינקטלעכקייט. זיי מאַכן מילדער די ערנסטקייט פון אַר־בעטלאָזיקייט".

מער באַדייטנסוועלט זיינען די ציפערן פאַר דייטשלאַנד, לויט די אָפּ־שאַצונגען פון קושטשינסקין, וועלכע דעקן די פּראָספּעריטי פאַזע פון 1908 ביז 1913. די דורכשניטלעכע צאָל אַרבעטלאָזע יוניאָן־מיטגלידער האָט דערגרייכט 2.3 פּראָצענט, בשעת פון 1924 ביז 1929 — דאָס הייסט, די יאָרן גלייך פאַרן איצטיקן קריזיס—איז די דורכשניטלעכע צאָל אַר־בעטלאָזע קיינמאָל ניט געווען וויניקער ווי 11.6 פּראָצענט. (קושטשינסקי, פינאַנץ־פּאָליטישע קאָרעספּאָנדענץ, נומער 17, מאַי 1931.)

דאָך פאַרמינדערן די דאָזיקע ציפערן וועגן דייטשלאַנד דעם סכום פון די אַרבעטלאָזע אין אָט־דעם לאַנד, ווייל זיי באַציען זיך בלויז אף די וואָס זיינען אינגאַנצן אַרבעטלאָז, בשעת זינט דער מלחמה האָט זיך די טיילווייזע אַרבעטלאָזיקייט אַנטוויקלט אומגעהויער גרויס. אין ענגלאַנד האָבן די ציפערן פון אַרבעטלאָזיקייט פאַר דער מלחמה דערגרייכט אַרום 2.3 פּראָצענט, אין פעריאָדן פון גוטן־טרייד. זינט דער מלחמה זיינען זיי קיינמאָל ניט געווען וויניקער ווי 10 פּראָצענט.

נאָך מער, דאָס כסדרדיק פאַלן פון די פּרייזן האָט באַוויזן די שוואַכ־קייט פונם בום.

ווי מיר זעען, אזוי ארום, ווערט דער פעריאָד גלייך פאַרן איצטיקן קריזיס באַצייכנט ניט נאָר דורך אַ שוואַכער אויפלעבונג אין די לענדער, וועלכע האָבן געהאַט אַפּן רעקאָרד אַ וועלכע ס'ניט איז גוטן־טרייד פּאַזע, נאָר אויך דורך דעם פּאַקט, וואָס אַ צאָל לענדער וואו דער קריזיס האָט אָנגענומען באַזונדערס שאַרפע פאָרמען האָבן זיך אינגאַנצן ניט געקאָנט ארויסשלעפּן פון דער לאַגע פון שטילשטאַנד אין די פאַר־קריזיס יאָרן.

די שוואַכקייט און די באַשרייַנקטע נאַטור פון דער אויפלעבונג און די אומגעהויערע פאַרטיפערונג פונם קריזיס, וואָס האָט פאַרקלעמט די וועלט, שטאַמען אַלע פון אַן אַלגעמיינער סיבה. די שוואַכקייט פון דעם פּראָספּעריטי־פּעריאָד שטאַמט פון דעם לאַנגזאַמען צוזאַמענברוך פון דעם צעפוילטן מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם. ס'איז אוממעגלעך פאַרן קאַפּיטאַליזם נאָך אַמאָל דורכצוגיין אַזוינע הויכע בומס, ווי אין דער צייט ווען ער איז געווען אַ שטאַרקע און וואַקסנדיקע סיסטעם.

3. ספּעציעלע שטריכן פון דעם איצטיקן קריזיס

(א) דער דויער פונם קריזיס

דער איצטיקער קריזיס גייט שוין אַ פּאָר יאָרן, אָבער ס'זעען זיך קוים סימנים פון אויפלעבונג.

דער כאַראַקטעריסטישסטער און בולטסטער שטריך פון דעם איצטיקן קריזיס, וואָס האָט נאָך ניט געהאַט אַזאַ פּרעצעדענט ביז אַהער אין דער געשיכטע, איז זיין לאַנגער דויער.

די ערשטע דונערן פון דעם קריזיס האָבן זיך געלאָזט הערן אין יאָר 1928 אין רומעניע, פּוילן און די באַלקאַנישע לענדער; און ביים ענדע פון דעמזעלבן יאָר האָט דער קריזיס געהאַלטן אין זיין קלעם פּאַקטיש אַלע אַגריקולטורעלע גרעניץ־לענדער פונם קאַפּיטאַליזם. דערנאָכדעם זיך דורכ־טראָגנדיק מיט אַן אומגעהויערן שטורם איבער דער וועלטס וויכטיקסט לאַנד, די פאַראייניקטע שטאַטן, אין דער צווייטער העלפט פון 1929, האָט ער זיך פאַרשפּרייט איבער דער איבעריקער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. *)

וואו נאָר ס'קומט פאַר די מינדסטע פאַרבעסערונג אין אַ וועלכער ס'ניט איז סעקציע פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיע, באַנוצן זיך די בור־זשואַזע עקאָנאָמיסטן מיט דער געלעגנהייט צו פאַראויסזאָגן דעם סוף פון קריזיס. און יעדן מאָל, נאָך אַ לייכטער און טיילווייזער פאַרבעסערונג אין וועלכער ס'ניט איז ריכטונג, קומט אַן אַ פרישער אַפּפאַל פונם שטראָם, וועלכער ברייננגט מיט זיך אַ גרעסערע פאַרשאַרפונג פונם קריזיס אין פּונקט די צווייגן פון דער אינדוסטריע, וועלכע זיינען ערשט געווען פאַראַנטוואָרט־

---

*) זע „עקאָנאָמישע וועלט איבערזיכט", פעלקערליג (עלען און אונווין) פאַר א סטאַטיסטישער באַהויפּטונג וועגן גאַנג פונם קריזיס.

לעך פאַר די זיך הייבנדיקע האָפֿנונגען פאַר אַ נייעם בום צווישן די דאָזיקע פּאָעטישע אַפּאָלאָגעטיקער פונם קאַפּיטאַליזם.

אין פאַרבינדונג מיט דעם איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אויפֿן אַל־געמיינעם מיטינג פון די שער־האָלדערס פון „באַרקלעיס בענק לימיטעד", אין יאַנואַר, 1931, האָט דער פּאָרזיצער פון דער באַנק, פּ. ס. גודענאַו, גע־זאָגט דאָס פאָלגנדע:

„אַ שטודיום פון דער אינדוסטריעלער געשיכטע פון דעם לאַנד שיינט צו ווייזן, אַז ס'איז שטענדיק געווען אַ צופלוס און אַפּפלוס פון פאַרשיידענע אינדוסטריעס, און אַז בשעת אייניקע אינדוסטריעס האָבן זיך פאַרקלענערט, זיינען אַנדערע אויסגעוואַקסן צו פאַרנעמען זייער פּלאַץ. דאָס איז אפשר געשען אין די לעצטע יאָרן אין אַ גרעסערער מאָס ווי אין פאַרלויף פון אַ פריערדיקן פּעריאָד. אָבער בשעת אייני־קע פון די נייע אינדוסטריעס מאַכן אַ ממשותדיקן פּראָגרעס, אַנטוויקלען זיי זיך אָבער ניט גענוג גיך צו געגנווירקן דאָס פאַלן, וואָס גייט אָן אין פילע פון די מער וויכטיקע אַלטע אינדוסטריעס."

גודענאָו איז אַ טיפּישער פאָרשטייער פון די פינאַנץ־קאַפּיטאַליסטן און ענגלאַנד. ריידנדיק פאַר די פאָרשטייער פון די פינאַנץ־קאַפּיטאַליסטן און ניט פאַר „פּאָפּולערן פאַרברויך", דערציילט ער דעם אמת. דער דאָזיקער פאָרשטייער פון דעם אונטערגעפוילטן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס באַגרייפט אינסטינקטיוו אַז דער קאַפּיטאַליזם איז צעפוילט אין די סאַמע פונדאַמענטן. אין 1933, אויף אַן אַלגעמיינעם מיטינג, חזרט ער איבער נאָך אַמאָל דעם זעלביקן סענטימענט:

„ס'באַווייזן זיך שוואַכע סימנים פון פאַרבעסערונג אין לאַנד, אין אַ צאָל פון אונזערע אינדוסטריעס, און אויך אין די פרייזן פון אייניקע אַגריקולטורעלע פּראָדוקטן. די אורזאַך פון דער פאַרבעסערונג, איז נאָך קלאָר ניט פעסטגעשטעלט *** אָבער ווי אַזוי ס'זאָל ניט זיין, ווייזט זיך דאָך, אַז דער פּראָצעס פון אויפלעבונג אין דער אינדוסטריע און אין האַנדל וועט זיין אַ לאַנגזאַמער.

„אומגליקלעכערווייזע, וואָס די אינווייניקסטע אורזאַכן זאָלן ניט זיין, וועט די פאַרבעסערונג צוערשט אפשר ווערן באַגלייט מיט אַ צו־וואוקס אין אַרבעטלאָזיקייט ***."

דער אונטערשייד אין דעם טאָן פון די דאָזיקע צוויי רעדעס איז אינ־טערעסאַנט. די ערשטע איז געווען אָן האָפֿנונגען פאַר אַן אויסוועג פונם קריזיס. די צווייטע, מאַכנדיק דאָס בעסטע וואָס זי קען פון די אויבער־פלעכלעכע סימנים פאַר אַן ענדערונג, אַנערקענט די אָפּוועזנהייט פון וואָסער ס'ניט איז ריכטיקן באַזיס פאַר דער ענדערונג, און גיט אָן אָנדייט אויף אַן

אויסוועג פונם קריזיס אפן חשבון פון נאך א גרעסערער ארבעטלאזיקייט. מיט איין ווארט, דער אויסוועג פונם קריזיס איז אפן חשבון פונם ארבעטער קלאס.

(ב) די אלגעמיינע נאטור פונם קריזיס.

דער איצטיקער קריזיס פארפלייצט די גאנצע קאפיטאליסטישע וועלט, אלע קאלאניאלע און האלב-קאלאניאלע לענדער. א חוץ דעם סאוועטן פארבאנד איז ניטא קיין איינציק לאנד, וואס ליידט ניט פון זיין ווירקונג.

דאס מיינט אבער ניט, אז דער קריזיס האט זיך פארשפרייט מיט דעם זעלביקן שטורם, מיט דעם זעלביקן גראד אין פארשיידענע לענדער. דער אימפעריאליזם, ספעציעל אין זיין נאך-מלחמהדיקער שטופע, האט פארשטארקט צו אן אויסערגעוויינלעכן גראד די טענדענץ פונם קאפיטאליזם צו אן אומגלייכער אנטוויקלונג. דאס איז ספעציעל צו פארדאנקען די מאנאפאל-טראסטן און דער פינאנץ אליגארכיע. די אומפארמיידלעכע טענדענץ פונם אימפעריאליזם צו פארגרעסערן די אומגלייכהייטן פון דער קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג האט אויך געפונען אן אויסדרוק אין דעם אומשטאנד, וואס פארשיידענע לענדער זיינען אריינגעטראטן אין קריזיס אין פארשיידענע צייטן, און אויך אין דעם, וואס ניט אומעטום האט דער קריזיס זיך פארשפרייט און געווירקט אויף דעם זעלבן אופן אין פארשיידענע צווייגן פון דער פראדוקציע.

אין אלע פריערדיקע קריזיסן האבן געוויסע צווייגן פון פראדוקציע אנגעהאלטן זייער פאר-קריזיס ניווא, ניט קוקנדיק אף דער אלגעמיינער צעדרייטקייט פון דער קאפיטאליסטישער עקאנאמיע אלס א גאנצער. זיי האבן אפילו געהאט די מעגלעכקייט אין אייניקע פאלן איבערצושטייגן אט-דעם ניווא. אויסער די מלחמה-אינדוסטריעס, וועמעס אנטוויקלונג אפילו אין דעם איצטיקן פעריאד פון קריזיס גייט בארג ארויף, איז בוכשטעבלעך ניטא קיין איינציקער צווייג פון דער אינדוסטריע, וועלכער זאל ניט געווען פארכאפט ווערן פון קריזיס. אלע לענדער און אלע צווייגן פון דער אינדוסטריע אן אויסנאם, איבער דער גאנצער קאפיטאליסטישער עקאנאמיע, זיינען שטארק געטראפן געווארן פון קריזיס, און מען קען באמת זאגן, אז דער קריזיס האט זיך דורך און דורך פארשפרייט איבער דער גאנצער וועלט אף אזא אופן, וועלכער איז געווען אומבאקאנט אין יעדן פריערדיקן קריזיס.

(ג) די טיפקייט פונם קריזיס

דער איצטיקער קריזיס האט אנגענומען אזא ברייטן כאראקטער, אז ער האט צו זיך ניט קיין גלייכן אין דער געשיכטע פונם קאפיטאליזם. אין משך פון קריזיס פון 1873-4 האט דער וועלט-האנדל זיך פארקלענערט אף 5 פראצענט, אין 1883-4 אף 4 פראצענט ,אין 1890-1 אף 0.5 פראצענט, אין 1900-1 אויף 1 פראצענט און אין 1907-8 אויף 7 פראצענט. אבער

אין פאַרלויף פון איצטיקן קריזיס האָט דער וועלט־האַנדל געליטן אַ נידער־לאַגע אַף העכער 50 פּראָצענט. ס'קענען ציטירט ווערן פאַרגלייכבאַרע ציפערן פאַר אַנדערע צווייגן פון דער פּראָדוקציע. אין דייטשלאַנד, צום ביישפּיל, איז די אַלגעמיינע ניוואָ פון דער פּראָדוקציע אין די קריזיסן פון 1890 ביז 1922 קיינמאָל ניט אַראָפּגעזונקען נידעריקער פון 7.5 פּראָצענט. אין איצטיקן קריזיס איז די דייטשע פּראָדוקציע אַראָפּגעפאַלן ביז 40 פּראָצענט.

די ציפערן פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע פאַר די פירנדע צענטערן באַווייזן ווי גרויס דער דרוק פונם קריזיס איז. די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע פון דער וועלט איז געפאַלן אמווייניקסטנס אַף 38 פּראָצענט צווישן 1929 און 1932 (אינסטיטוט פאַר קאָניונקטור.)

אינדוסטריעלע פּראָדוקציע
1927-9 — 100%

	1929	1930	1931	1932
פאַראייניקטע שטאַטן	106	86	72	57
ענגלאַנד	103	96	87	86
דייטשלאַנד	102	91	74	61
פראַנקרייך	111	112	99	77
יאַפּאַן	110	104	99	106
קאַנאַדאַ	109	92	77	63

דאָס איינציקע לאַנד וועלכע האָט באַוויזן אַ פאַרגרעסערונג (אַ חוץ יאַפּאַן, וואָס האָט אָנגעפירט מלחמות) איז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו די פּראָדוקציע איז געשטיגן צו 204 פּראָצענט אין דעם זעלביקן פעריאָד.

דאָס זינקען פון דער פּראָדוקציע און האַנדל זינט דעם סוף פון דעם פעריאָד פון צייטווייליקער סטאַביליזאַציע ווערט אונטן געוויזן:

דער פּראָצענט פון פאַרקלענערונג זייט 1929

		1930	1931	1932
פאַראייניקטע שטאַטן:	פּראָדוקציע	19	32	46
	עקספּאָרט	17	33	48
ענגלאַנד:	פּראָדוקציע	8	16	17
	עקספּאָרט	18	37	37
דייטשלאַנד:	פּראָדוקציע	11	27	40
	עקספּאָרט	5	14	41
פראַנקרייך:	פּראָדוקציע	1	11	31
	עקספּאָרט	8	22	40

דער וועלט־האַנדל איז פאַרקלענערט געוואָרן אין 1932 אַף 56 פּראָ־צענט אין פאַרגלייך מיט 1929, אַף 45 פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט 1930

און אף 25 פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט 1931. אייניקע ציפערן פון דער אַראָפּזינקונג פאַר פירנדיקע לענדער ווערן דאָ אָנגעגעבן.

דער פּראָצענט פון דער אַראָפּזינקונג פון עקספּאָרטן אין 1932 אין פאַרגלייך מיט

	1929	1930	*)1931
ענגלאַנד	50	36	6
אויסטראַליע	38	11	+8
קאַנאַדע	58	44	18
אינדיע	58	46	18
מאַלאַי	65	51	20
פאַראייניקטע שטאַטן	69	58	34
דייטשלאַנד	57	52	40
פראַנקרייך	61	54	35
איטאַליע	55	44	33
יאַפּאַן	35	5	+22

די לאַגע אין דער ענגלישער שווערער אינדוסטריע:

	1929	1932	*)1933
אינדוסטריעלע פּראָדוקציע	112	93.1	
אַרבעטער באַשעפטיקט	107.3	98.4	99.1
הורטאָווּנע פּרייזן	82	61.1	59.5
בריטישע עקספּאָרטן	108.3	66.1	65.8
אימפּאָרטס	114	102.9	99.4
קוילן	96.1	78.3	84.1
שטאָל	117.7	64.1	73.4
באַוול	105	88	95
בויאונג, וואוינונגען	117	124	146
בויאונג און אַנדערע	140.5	94	114

ענגלישע אינדוסטריעלע פּראָדוקציע

	1930	1931	1932
מינען	91	82	77
אייזן און שטאָל	89	66	66
אויסער אייזן פּראָדוקציע	119	100	96
אינזשינערסטווע און שיפן	117	95	88
טעקסטילן (געוועבטע סחורות)	79	77	85

*) דאָס ערשטע פערטל פון יאָר.

בעמישע	99	95	98
לעדער	101	99	96
שפּייזן, געטראַנקען און טאַבאַק	105	104	98
גאַז און עלעקטריציטעט	139	142	146
אַלע מאַנופאַקטורן	106	97	97
די גאַנצע פּראָדוקציע	103	94	93

די ספּעציעלע שאַרפקייט און טיפקייט פון דעם אַגראַרישן קריזיס זעט זיך הויפּטזעכלעך אַרויס פון דעם קאַטאַסטראָפישן צוזאַמענברוך פון פּרייזן פאַר אַגריקולטורעלע פּראָדוקטן. דער אָנצייגער פון פּרייזן פון 8 טיפּישע הויפּט פּראָדוקטן (100—4־1923.) זיינען געפאַלן ווי פאָלגט:

דעצעמבער	1927	84
	1928	75
	1929	69
	1930	43
	1931	30
	1932	26

אין איניקע פאַלן זיינען די פּרייזן געפאַלן אַ סך דראַסטישער ווי אין אַנדערע.

די לאַגע אין דעצעמבער 1932 פאַר פאַרשיידענע פּראָדוקטן איז געווען:

קאַווע, ניו יאָרק	52
באַוול, ניו יאָרק	22
גומי, ניו יאָרק	8
זייד, יאַפּאַן	22
צוקער, ניו יאָרק	21
טיי, לאָנדאָן	28
בלעך, ניו יאָרק	45
ווייץ, ליווערפּול	31

דער קראַך אין אַגריקולטורעלע פּרייזן האָט זיך אַנטוויקלט אין 1928, פאַר דעם אַלגעמיינעם צוזאַמענברוך, אַ דאַנק דער איבערמעסיקער קאַפּאַציטעט פאַר דער פּראָדוקציע אין באַדינגונגען פון אַן אַלגעמיינעם אַרונטערשוואונג פונם קאַפּיטאַליזם.

סטאַקס פון הויפּט פּראָדוקטן האָבן זיך פאַרגרעסערט ביז זיי זיינען אַרויס פון קאָנטראָל. נעמענדיק דעם פּעריאָד 1923־5 אַלס 100 פּראָצענט, זיינען די סטאַקס פון קאָפע אין 1933 געווען 402, באַוול — 229, גומי — 337, זייד — 206, צוקער — 312, טיי — 145, בלעך — 212, ווייץ —

236. די גאַנצע סטאַקס האָבן געשטיגן אַף 2 מיט אַ האַלבן מאָל — און די פּרייזן האָבן אַראָפּגענידערט צו אַ פערטל פון דעם גרונט פעריאָד.

אַ ספּעציעלער שטריך פונם קריזיס איז געווען, וואָס די פּרייזן פאַר די הויפּט־פּראָדוצירער זיינען געווען נידעריקער ווי דער אַלגעמיינער ניוואָ פון די סחורה־פּרייזן, אין וועלכע זיי האָבן זיך גענויטיקט. אין די פאַראייניקטע שטאַטן, למשל, איז דער אָנצייגער פון פאַרם־פּראָדוקטן פּרייזן אין 1920 געווען דער זעלבער ווי די קאָסטן פון די פאַרם־פּראָדוקציעס (דאָס מיינט, זאַכן אין וועלכע זיי האָבן זיך הויפּטזעכלעך גענויטיקט). אין 1929 זיינען די פאַרם־פּראָדוקטן געווען נידעריקער אַף 17 פּראָצענט, אין 1932 זיינען זיי געווען נידעריקער אַף 50 פּראָצענט.

דער טויש־ווערט פון פאַרם־פּראָדוקטן איז אַזוי אַרום געפאַלן אַף אַ העלפט. אין פאַל פון געוויסע פּראָדוקטן (ווי למשל, ווייץ וועלכע איז געפאַלן אַף 33 פּראָצענט) איז דאָס פאַלן געווען אַ גרעסערער.

1910-14 — פּרייז ניוואָ—100

	1920	1929	1932
פאַרם פּראָדוקטן — — — — — — — — —	205	138	52
קאָסטן פון פאַרם פּראָדוקטן — — — —	206	155	106

דער פאַרם־איינקונפט פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז אַראָפּגעפאַלן פון 16 ביליאָן דאָלאַר אין 1920 צו 11 ביליאָן דאָלאַר אין 1929 און ווינציקער ווי 5 ביליאָן דאָלאַר אין 1932. דאָס האָט אומגעהויער געשטערט דעם מאַרק פון אינדוסטריעלע סחורות.

אין ענגלאַנד האָט זיך די זעלביקע אומגלייכהייט אַרויסגעוויזן מיט דעם זעלביקן רעזולטאַט פון אַריינשלעפּן דעם אינדוסטריעלן קריזיס אין דעם אַגריקולטורעלן קריזיס. קאָלין קלאַרק, אַ בורזשואַזער עקאָנאָמיסט, ווייזט, נעמענדיק 1924 אַלס אַ פאַרגלייך, אַז בשעת הורטאַוונע פּרייזן פון רויע מאַטעריאַלן און פון האַלב־פאַרענדיקטע אַרטיקלען אין 1931 זיינען געפאַלן צו 63 פּראָצענט, איז דער פּרייז־ניוואָ פון דעם גאַנצן אַרויסלאָז געפאַלן בלויז צו 91 פּראָצענט און די פּרייזן פון די פאַרברויך אַרטיקלען צו 87 פּראָצענט. דער צענזוס פון דער פּראָדוקציע פאַרצייכנט, אַז דער דורכשניטלעכער ווערט פון עקספּאָרטירטע מאַנופאַקטורן איז געפאַלן אַף 17 פּראָצענט צווישן 1924 און 1930, אָבער הורטאַוונע פּרייזן זיינען געפאַלן אַף 28 פּראָצענט. די פּרייזן פון די הויפּט־פּראָדוקטן אין די קאָלאָניאַלע לענדער, ווי מיר האָבן געזען, זיינען געפאַלן אַף 40 פּראָצענט. די גרויסע אומגלייכהייט דאָ האָט באַזונדערס פאַרגרעסערט דעם אינדוסטריעלן קריזיס אין ענגלאַנד.

קוילן פּראָדוקציע

דער מאָנאטלעכער דורכשניט אין טאָנען

	1924	1929	1932	פעב. 1933
פראַנקרייך	3.6	4.4	3.8	3.8
דייטשלאַנד	9.7	13.4	8.6	8.6
פאַראייניקטע שטאַטן	42.5	45.3	26.4	28.0
ענגלאַנד	22.3	21.5	17.4	17.8

שטאָל אין הונדערטער טויזנטער טאָנען

	1924	1929	1932
פראַנקרייך	565	795	460
דייטשלאַנד	806	1,332	472
פאַראייניקטע שטאַטן	3,161	4,703	1,091
ענגלאַנד	483	803	438

די צוגרייטונגס־קאָמיסיע פון עקספּערטן פאַר דער עקאָנאָמישער קאָנ־פערענץ פון 1933 באַשרייבט דעם קריזיס אין סוף פון 1932:

„אַרבעטלאָזיקייט, איז ניט לאַנג צוריק אָפּגעשאַצט געוואָרן דורך דעם אינטערנאַציאָנאַלן לייבאָר אָפיס, האָט אַריינגעצויגן אַמווייניקסטנס 30 מיליאָן אַרבעטער (אויסשליסנדיק די אַרבעטערס פאַמיליעס און פיל מיל־יאָנען פּויערים און דעסטגלייכן). מסתּם אַן אונטערשאַצונג ***.

„הורטאָוונע סחורה־פּרייזן — אויסגעדריקט אין גאָלד — זיינען אַראָפּגעפאַלן זינט 1929 אַף איבער אַ דריטל; רויע־מאַטעריאַלן פּרייזן — אין דורכשניט אַף 50 ביז 60 פּראָצענט (ווייץ פּרייזן אַף דער נידעריקסטער ניוואָ אין די לעצטע 4 הונדערט יאָר). וועלט סטאַקס פון אַגריקולטורעלע פּראָדוקטן אין 1932 זיינען געווען דאָפּלט ווי די פון 1925.

„די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע איז שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן, באַזונדערס אין די אינדוסטריעס, וועלכע פּראָדוצירן קאַפּיטאַל־אויס־שטאַטונג *** דער אינטערנאַציאָנאַלער שטראָם פון סחורות, וואָס ווערט אָפּגעהאַלטן דורך וואַליוטע אומאָרדנונגען און באַשריינקט דורך דער פילצאָליקייט פון נייע רעגירונגס רעגולאַציעס, איז רעדוצירט געוואָרן צו אַן אומגלויבלעכער נידעריקער ניוואָ. די גאַנצע ווערט פונם וועלט טרייד אין דריטן פערטל פון 1932 איז געווען בלויז אַ דריטל פון דעם ווי אין פאַרגלייך מיט דעם אין דעמזעלביקן פּעריאָד אין 1929. נאָך מער, די צאָל סחורות פון אויסלענדישן האַנדל שיינט צו האָבן אַראָפּגעפאַלן אַמווייניקסטנס אַף 25 פּראָצענט; דער גרעסטער אַראָפּפאַל אין דער געשיכטע *** די נאַציאָנאַלע איינקונפטן אין פילע לענדער זיינען

געפאלן, ווי מען שאצט, אף מער ווי 40 פראָצענט *** א סעריע פון בודזשעט־דעפיציטן, וועלכע אין איניקע פאלן, האָבן דערגרייכט אומ־דערהערטע פראָפּאָרציעס ***.

„בלויז א הייפעלע לענדער האלט איצט אָן פריוע און אומקאָנט־ראָלירטע גאָלד־סטאנדארד וואליוטע־סיסטעמען. כמעט העלפט לענדער פון דער וועלט איז אראָפּ פונם גאָלד־סטאנדארד, און אין ארום 40 לענ־דער זיינען ארויפגעלייגט געוואָרן אויסטויש־באשריינקונגען ***.

„די דיסאָרגאניזירטקייט פון דער וואליוטע, דאָס אראָפּפאלן פון פרייזן, די פארשמעלערונג פון טרייד האָבן ארויסגעשטעלט אין א שאר־פער ליכט די גרויסע און שווערע פראָבלעמען פון פארשולדיקונג מיט וועלכע פיל, אויב ניט די מערסטע, לענדער שטייען פנים אל פנים ווי זאכן שטייען איצט; ס'זיינען דאָ לענדער, וואו דער גאנצער ווערט פון זייער עקספּאָרט־האנדל איז אראָפּגעפאלן נידעריקער ווי די סומען, וועלכע פאָדערן זיך כסדר צו דעקן בלויז די אויסערלעכע חובות ***.

„אזעלכע פאקטן ווי די דאָזיקע — זאָגן די בורזשואזע אויס־טייטשער — צייגן אָן צו וואָס פאר א שטופע די כחות פון דיסאינ־טעגראציע האָבן שוין פארשלעפּט די עקאָנאָמישע און פינאנציעלע וועלט."

די דאָזיקע אויסצוגן פון דעם באריכט פון די בורזשואזע עקאָנאָמיסטן זיינען אָן אנערקענונג, אז דער קאפּיטאליזם האָט ניט דערגרייכט קיין סטאַ־ביליזאציע. די אומזיכערע סטאביליזאציע וואָס איז דערגרייכט געוואָרן צווישן 1923 און 1928-9, איז אָפּגעבראָכן געוואָרן. די צייטווייליקע גע־ווינסן זיינען אָפּגעווישט געוואָרן. די קאפּיטאליסטישע וועלט האָט שוין מער ניט קיין סטאביליזאציע, ניט אפילו קיין צייטווייליקע, רעלאטיווע, אונטערגעפוילטע, טרייסלענדיקע סטאביליזאציע. די פאָרשריטן וועלכע זיינען געמאכט געוואָרן אין סאָוועטן־פאָרבאנד שיילן זיך ארויס אין פארגלייך זייער בולט און קלאָר.

(ד) די אינדוסטריעלע דעפּרעסיע און דער אַגראַרישער קריזיס זיינען פאַרבונדן

איינער פון די בולטסטע שטריכן פון דעם איצטיקן קריזיס ליגט אין דער פאראייניקונג פון צוויי שטראָמען פונם קריזיס. דער אינדוסטריעלער קריזיס איז פארבונדן מיט דעם כראָנישן אגרארישן קריזיס, וועלכער רירט אָן יעדן געביט פון דער פּראָדוקציע פון שפּייזן און רויע מאטעריאלן. וועגן דעם פונקט האָט ענגעלס שוין געשריבן:

„אזוי לאנג ווי איבער־פּראָדוקציע איז געווען באגרעניצט צו דער אינדוסטריע איז די געשיכטע, נאָך אלעמען, געווען בלויז האלב גע־

שריבן אָבער ווען אגריקולטור הייבט אָן אנגעווענדעט צו ווערן אין די טראַפּישע געגנטן פּונקט אזוי ווי אין דער מעסיקער זאָנע, ערשט דאַן, הייבן זאכן זיך אָן ריכטיק צו באוועגן.“ (קאָרעספּאָנדענץ צווישן פ. ענגעלס און ק. מארקס. פולשטענדיקע אויסגאבע, סעקציע 3, באנד 2, זייט 254.)

אין דייטשלאַנד אין 1931 איז דער אָנצייגער פאַר פאַבריצירטע סחורות געשטאַנען 136 פּראָצענט, בשעת פאַר אגריקולטורעלע פּראָדוקטן — 101 (אין פאַרגלייך מיט 1913).

דער ארבעטס באריכט פאַר דער רעפּובליק פון אויסטראַליע, פאַר 1930-1, נעמענדיק 1911 אַלס די באַזע פון 1,000, ווייזט, אז צווישן 1929 און 1931 זיינען די פּרייזן פון מעטאַלן און בוי־מאַטעריאַלן,ביידע וויכטיקע גרופּעס פון סחורות וועלכע דער פאַרמער מוז קויפן, אראָפּגע־פאַלן — פאַר מעטאַל אַף 56 פּונקטן, בשעת בוי־מאַטעריאַלן האָבן זיך פאַרגרעסערט אַף 916 פּונקטן. אין פאַרלויף פון זעלביקן פּעריאָד איז דער הורטאָוונער פּרייז פון אגריקולטורעלע פּראָדוקטן אין מעלבאָרן גע־פאַלן אַף 387 פּונקטן. די פּרייזן פון וואָל און פלייש, וועלכע זיינען ניט אריינגערעכנט געוואָרן אין דעם אויבנדערמאָנטן, זיינען געפאַלן אין ערך אַף 642 און 763 פּונקטן.

אין ניי־זעלאַנד האָט דער רעגירונגס־סטאַטיסטיקער אויפגעשטעלט א טאַבעלע, וועלכע פאַרגלייכט די פּרייזן פון ארטיקלען פאַר דער פאַרם און די עקספּאָרט־פּרייזן פון פּאַסטוך און מילך פּראָדוקטן. אַף דער באַזע פון 1914 אַלס 1,000 זיינען די פּרייזן פאַר פאַרם־אויסגאַבן, דאָס מיינט די סחורות וועלכע דער פאַרמער מוז קויפן, געפאַלן אַף 146 פּונקטן, בשעת דער עקספּאָרט־פּרייז פון פאַרם־פּראָדוקטן צייגט אָן א פאַל פון 611 פּונקטן.

דער פאַרגלייך צווישן די פּרייזן פון די פּראָדוצירערס ארטיקלען, דאָס הייסט, בוי־מאַטעריאַלן, מעטאַלן און מעטאַל פּראָדוקטן און פאַרברויכערס ארטיקלען, דאָס הייסט, פאַרם פּראָדוקטן, טעקסטיילס און הויז־אויסשטאַ־טונגען, ווערט געזען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. נעמענדיק 1929 אַלס 100 אין ביידע פאַלן, זיינען פּראָדוצירערס ארטיקלען אין יאַנואַר 1933 גע־פאַלן צו 76 פּראָצענט, בשעת די פאַרברויכערס ארטיקלען זיינען געווען בלויז 59 פּראָצענט. דאָס קומט, זאָגט דער „וועסטמינסטער בענק רעוויו“ (אַפּריל, 1933)

„טיילווייז פון אן אויסערגעוויינלעכער פעסטקייט אין די פּרייזן פון קאַפּיטאַל־אויסשטאַטונג — אן אָנערקענונג פון דעם פּראָצעס פון די קאַרטעלן, וועלכע האָבן באזונדערס געבליט אין אזעלכע אינדוסטריעס“.

דאָס איז אן אנערקענונג פון דעם מאָנאָפּאָל כח.

די פעלקערליג פירט אונטער א סך הכל פון דעם ענין:

„די שווערע סיטואַציע איז געשאַפן געוואָרן צוליב דעם, וואָס פּרייזן פון פאַרענדיקטע אַרטיקלען זיינען צו הויך אין פאַרגלייך מיט רויע מאַטעריאַלן, און פּראָדוצירערס אַרטיקלען אין פאַרגלייך מיט פאַרברויכערס אַרטיקלען.“

דאָס מיינט, אַז דער פאַרברויך איז נאָך מער אַרונטערגעפאַלן אין פאַרגלייך מיט די פּראָדוקציע כחות; אַז די טראָסטן האָבן געמאַכט „דעם קריזיס באַזונדערס שווער און רואינירנד פאַר די מאַסן, וועלכע זיינען די הויפּט פאַרברויכער פון סחורות. (סטאַלין, לעניניזם, באַנד 2, זייט 314).

די דאָזיקע אַלע ציפערן וועגן דעם גרוב אין דער באַוועגונג פון פּרייזן צווישן די אַגריקולטורעלע און אינדוסטריעלע סחורות ציי‍גן נאָך קלאָרער די אַלגעמיינע און טיף געשפּאָלטענע אומגלייכהייט אין דעם פאַרנעם פונם קריזיס און אין זיין ווירקונג. זיי ווייזן בלויז אָן דעם טיפן דרוק פון דעם אַגראַרישן קריזיס און מאַכן מעגלעך צו באַגרייפן ווי שווער די קאָלאָניאַלע לענדער דאַרפן ליידן פון דעם אַגראַרישן קריזיס צוליב דעם וואָס זייער פּראָדוקציע איז געפאַלן אין פּראָפּאָרציע נידעריקער אין פּרייז ווי אַלע אַנדערע סחורות. דער מאָדערנער קריזיס האָט געבראַכט מיט זיך אַן אַלגעמיינע רואינירונג פאַר דעם פּויערטום און פאַרמער־קלאַס און פאַראורזאַכט שרעקלעכע פאַראָרעמקייט פון פיל מיליאָנען פּויערים, ספּעציעל אין די קאָלאָניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע לענדער. אַן אַנדער ווירקונג פון דעם אַגראַרישן קריזיס איז דאָס, וואָס ער פאַרשאַרפט און ברייטערט אויס דעם אינדוסטריעלן קריזיס, די פולע לאַסט פון וועלכן איז אַרויפגעוואָרפן אינגאַנצן אַף די פּלייצעס פונם אַרבעטער קלאַס.

דער איצטיקער קריזיס, אורטיילנדיק לויט זיינע וויכטיקסטע שטריכן (דער דויער, אַלגעמיינע ברייטקייט און טיפקייט, און די פאַרבינדונג פון דער אינדוסטריעלער דעפּרעסיע מיט דעם אַגראַרישן קריזיס), איז ניט נאָר ניט מילדער ווי די פאַר־מלחמהדיקע קריזיסן, נאָר ער איז דער ערגסטער אין דער גאַנצער געשיכטע פונם קאַפּיטאַליזם. אפילו בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן מוזן דאָס צוגעבן איצט.

ווי מיר האָבן געזען האָט דער קריזיס אָנגערירט די הויפּט לענדער פונם קאַפּיטאַליזם; דער אינדוסטריעלער קריזיס איז צונויפגעפלאָכטן געוואָרן מיט דעם אַגראַרישן, און ווי מיר האָבן אָנגעדייטעט אין דעם לעצטן קאַפּיטל, איז נאָך פאַראַן אַן אַנדער פאַקטאָר.

„דער איצטיקער קאַפּיטאַליזם, אָפּטיילנדיק אים פון דעם פריערדיקן קאַפּיטאַליזם, איז אַ מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַליזם, און דאָס הייבט אומפאַרמיידלעך אָן דעם קאַמף צווישן די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אָנצוהאַלטן הויכע מאָנאָפּאָליסטישע פּרייזן פון סחורות ניט קוקנדיק אויף איבער־פּראָדוקציע. די דאָזיקע לאַגע, וועלכע מאַכט דעם

קריזיס באזונדערס שווער און רואינירנד פאר די מאסן, וועלכע זיינען די גרונט פארברויכער פון די סחורות, קען בלויז פירן צו דער אויס־ציאונג פון דעם קריזיס, קען בלויז אָפּהאלטן זיין אויפלייזונג.״ (סטאלין, „לעניניזם״, באנד 2, זייט 314.)

דער מאָנאָפּאָליסטישער קאפּיטאַליזם שטעלט מיט זיך פאָר א ריזיקע פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון דער פּראָדוקציע, בשעת אין דער זעלבער צייט ווערט די פּריוואַטע אַפּראָפּריאַציע פון דער דאָזיקער סאָציאַליזירטער פּראָ־דוקציע אָנגעהאַלטן אַלס אַן אינסטיטוציע. דאָס טרייבט די הויפּט ווידער־שפּרוכן פונם קאַפּיטאַליזם צו זייערע העכסטע גרענעצן. די מאָנאָפּאָלן, וואָס עקזיסטירן זייט ביי זייט מיט דער געוויינלעכער קאָנקורענץ־סיסטעם, קענען בלויז מאכן גרעסער דעם כאָאָס און די אַנאַרכיע פון דער גאַנצער סאָציאַלער פּראָדוקציע. די אומגלייכהייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנט־וויקלונג, וועלכע נעמט אָן באַזונדערס רויע און אָפענע פאָרמען אונטערן אימפּעריאַליזם, באַשאַפט טיף־געשניטענע אומגלייכקייטן צווישן דער אַנט־וויקלונג פון דער אינדוסטריע און דער אַגריקולטור, צווישן די לייכטע און די שווערע אינדוסטריעס און צווישן די פאַרשיידענע צווייגן פון דער קאַ־פּיטאַליסטישער פּראָדוקציע.

דער זעלביקער קאַפּיטאַליזם וועלכער ברענגט אומגעהויערע רייכ־טימער צו א הייפעלע פינאַנציעלע מאַגנאַטן פאַראורזאַכט אויך די פאַר־אָרעמקייט פון די ברייטע מאַסן אויף א ריזיקן מאַסשטאַב, א דאַנק דעם אופן ווי ער פאַרשטאַרקט דעם דרוק פון עקספּלואַטאַציע אין אַלע אירע פאָרמען, א דאַנק דעם כסדרדיקן שטייגן פון די מויערן פון שוץ־טאַריפן, וועלכע ווערן אויפגעשטעלט דורך די מאָנאָפּאָלן, א דאַנק די הויכע מאָנאָפּאָל־פּרייזן אויף שפּייזן, וואָס די אַרבעטער־פאַרברויכער דאַרפן צאָלן, און א דאַנק דעם אַלגעמיינעם שטייגן אין לעבנס־קאָסטן.

די מעכטיקע גרויסע מאָנאָפּאָליסטן שטרעבן איבערצוכוקן דעם יאָך פונם קריזיס אויף זייערע שוואַכערע ניט־מאָנאָפּאָליסטישע געגנער, אָבער הויפּטזעכלעך אויף די פּלייצעס פון די אַרבעטער און פאַרמער. זיי טוען דאָס בעסטע וואָס זיי קענען, אפילו אין פאַרלויף פון א קריזיס, אָפּצושטעלן יעדן פאַל פון די פּרייזן פון זייערע סחורות, און זיי זיינען זייער דערפאָלג־רייך אין דעם, אינערהאַלב געוויסע גרענעצן און פאַר א געוויסער צייט. אָבער וואָס דויערנדיקער דער קריזיס איז, אַלץ מער פאַרטיפעט ער זיך און ברייטערט זיך אויס און אַלץ שאַרפער ווערן די פאָרמען, וואָס ער נעמט אָן.

ווייל, ווי סטאלין האָט אויך אונטערגעשטראָכן:

„דער איצטיקער עקאָנאָמישער קריזיס אַנטוויקלט זיך אפן באַ־זיס פון דעם אלגעמיינעם קריזיס פונם קאפּיטאליזם, וועלכער האָט זיך

אַנגעהויבן אין פאַרלויף פונם פּעריאָד פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, האָט אונטערגעמינערט די פונדאַמענטן פונם קאַפּיטאַליזם און אויסגעטראָטן דעם וועג פאַר דעם איצטיקן עקאָנאָמישן קריזיס."

דער קאַפּיטאַליזם שטעלט שוין מיט זיך ניט פאַר די איינציקע אַלע־אַרומכאַפּנדיקע סיסטעם פון וועלט־עקאָנאָמיע — ס'איז איצטער דאָ דער סאָוועטן־פאַרבאַנד. דער קלעם אויף די קאָלאָניעס און אָפּהייענגיקע לענדער איז געוואַקלט געוואָרן און דער אייגענער גענגנערישער קאַפּיטאַליזם איז דאָרטן אויסגעוואַקסן. אַ ירושה פון שטענדיקער אַרבעטלאָזיקייט איז דאָרטן איבערגעלאָזן געוואָרן. די אימפּעריאַליסטישע אַנטאַגאָניזמען פאַרשאַרפן זיך. דער קאַמף געגן די אַרבעטער איז פאַרשאַרפט. (אין זעלבן.)

די דאָזיקע בולטע שאַרפקייט און טיפקייט פון דעם קריזיס און דער אופן ווי אַזוי זיין גאַנצער כאַראַקטער איז פאַראורזאַכט דורך דעם אַלגעמיינעם קריזיס פונם קאַפּיטאַליזם איז זייער קלאָר דעמאָנסטרירט געוואָרן דורך דער דערשיינונג פון דער פרישער פאַרשאַרפונג פונם קריזיס אין זומער און הערבסט פון 1931, וועלכער האָט אָנגענומען די פאָרמע פון אַ גרויסער כוואַליע פון באַנקראָטן, אַריינרעכנענדיק די באַנקראָטן פון די מאָנאָפּאָל־ריזן אין דער אינדוסטריעלער און אין דער באַנקן־וועלט, ווי אויך אין די פּלוצלומדיקע קריזיסן וואָס רירן אָן געלט, קרעדיט און וואַליוטע־אָפּעראַציעס. דער איצטיקער קריזיס ווערט אויך פאַרצייכנט אין דער ווייטערדיקער אויסברייטערונג פון דעם אַגראַרישן קריזיס און אין דער פאַרטיפנדער אָרעמקייט פון די מאַסן פון אַרבעטער קלאַס.

(ה) געלט און קרעדיט קריזיס

באַלד אין סאַמע אָנפאַנג פון זייער אַנטוויקלונג, פלעגן די פריערדיקע קריזיסן באַגלייט ווערן פון אַ שטאַרקער צעטרייסלונג פון קרעדיט און אַ שטייגן אין פּראָצענט אַף הלואה־קאַפּיטאַל.

„אַז צאָלונגען זיינען זייער זעלטן אין צייט פון אַ קריזיס, דאַרף מען אפילו ניט איבערחזרן."

האָט געשריבן מאַרקס (קאַפּיטאַל, באַנד 3, זייט 575). די אַלגעמיינע נאָכפראַגע נאָך מיטלען פון צאָלונגען פירט אומפאַרמיידלעך צו דעם שטייגן פון דעם פּראָצענט אַף הלואה־קאַפּיטאַל; און ווי מאַרקס באַאָבאַכטעט:

„אין צייטן פון קריזיס וואַקסט די נאָכפראַגע פאַר הלואה־קאַפּיטאַל, און מיט דעם די נאָרמע פון פּראָצענט." (אין זעלבן, זייט 602.)

פונדעסטוועגן איז דער איצטיקער קריזיס געווען באַגלייט אין די ערשטע אָנדערהאַלבן יאָר מיט אַן איבערפלוס פון מיטלען פון צאָלונגען און מיט אַ זינקען פון דער נאָרמע פון פּראָצענט אויף הלואה־קאַפּיטאַל. דער דאָזיקער פאַקט האָט באַוואויגן פיל בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן (אריינ־

רעכענענדיק די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע) זיך צו פרייען איבער, וואָס ביי זיי איז אויסגעקומען, דעם זיג איבער מאַרקסן, וואָס האָט געהאַלטן אַז אינדוס־טריעלע קריזיסן מוזן זיין באַגלייט מיט קרעדיט־קריזיסן.

זיי האָבן געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבן געקענט צו באַווייזן, אַז אַלס אַ רעזולטאַט ווערט דער קריזיס שוואַכער, שטיצנדיק זיך אויף דעם אומגעהויערן כח פון די מאָדערנע באַנקן און דער „אָרגאַניזירטער נאַטור" פון דער קרעדיט און באַנקן־סיסטעם אונטערן מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליזם, און זיי זיינען געקומען צום שלוס, אַז דער איצטיקער קריזיס וועט זיך ניט פאַר־שפּרייטן צו די ספערעס פון קרעדיט און באַנקן. די ווירקלעכקייט פון דער לאַגע אָבער האָבן באַשטעטיקט מאַרקסעס ווערטער אַז

„אזוי לאַנג ווי דער סאָציאַלער כאַראַקטער פון ארבעט דערשיינט ווי די געלט־עקזיסטענץ פון סחורות און אזוי ארום אלס א זאַך אויסער דער פאַקטישער פּראָדוקציע, זיינען געלט־קריזיסן אומפאַרמיידלעך, אָדער זעלבסטשטענדיק פון קריזיסן, אָדער פאַרשטאַרקנדיק זיי." (מארקס, „קאַפּיטאַל", באַנד 3, זייט 607.)

וואָרים וואָס איז געווען די אמתע לאַגע? ערשטנס, בנוגע דעם אויגנ־שיינלעכן איבערפלוס פון מזומן. דאָס איז ניט געווען קיין מזומן צו ווערן באַנוצט פאַר דער פּראָדוקציע — אפילו ניט פאַר די גרויסע טראָסטן. די גרויסע טראָסטן האָבן געהאַט, אין פיל פאַלן, אין מאַרקסעס ווערטער, „אַ מאַנגל פון מיטלען פון צאָלונגען". אין ענגלאַנד, זיינען די אייזן, שטאָל, באַוול און קוילן קאָמבינאַטן, צום ביישפּיל, אָפּט געלעגן „אין דער באַנק", זייענדיק שולדיק אומגעהויערע סומען, מער ווי דער קרעדיט איז געווען. אַז דער פּראָדוקציע־קריזיס האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן האָבן זיך די באַנקראָטן צווישן די קלענערע טראָסטן אויך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן. די גרויסע טראָסטן צוזאַמען מיט די באַנקן איז געלונגען אויף אַ וויילע אָפּצושטעלן דעם אומגליק דורך טרייבן די קלענערע פישלעך צו דער וואַנט, דורך געצוואונגענער פאַראייניקונג, א. א. וו.

אין דער זעלבער צייט האָט געווירקט אַן אַנדער פאַקטאָר. די פאַר־שטאַרקונג פונם פּאַראַזיט־קאַפּיטאַליזם, אין פעריאָד פונם אַלגעמיינעם קרי־זיס פונם קאַפּיטאַליזם, האָט געפונען אַן אויסדרוק, צווישן אַנדערע זאַכן, אין דער פאַרברייטערונג פון אַלע אומפּראָדוקטיווע ספערן פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיע. דאָס האָט זיך באַזונדערס אַרויסגעוויזן אין דער בירזשע ספּעקולאַציע. אין די פאַראייניקטע שטאַטן, צום ביישפּיל, אין פאַרלויף פונם פעריאָד 1924—1929, האָט דער אָנצייגער פון די פּרייזן אויף די אַקציעס זיך געהויבן פון 100 ביז 324 (אין דריטן פערטל פון 1929). אין פיל פאַלן זיינען פאַנטאַסטישע פּרייזן געצאָלט געוואָרן. אַ פּיראַמידע פון פאַנטאַסטישע „ווערטן", באַזירט אויף די „מאַרדזשינס" פון

געמבלערס, האָט זיך געהויבן כסדר אַרויף. דער ערשטער אָנדייט פון דעם פּראָדוקציע־קריזיס האָט פאַראורזאכט דעם צוזאַמענברוך פון די פּיראַמידן. דער אַקציע אָנצייגער איז אַראָפּגעפאַלן צו 324 אין דריטן פערטל פון 1929, צו 167 אין סוף 1930, צו 74 אין סוף 1931, צו 42 אין מיטן פון 1932, שטייגנדיק אַביסל ביז 54 אין סוף פון 1932. אין דער זעלבער צייט זיינען די נייע קאַפּיטאַל־אַקציעס אָפּגעפאַלן (נייע קאַפּיטאַל־אַקציעס אונטער די איצטיקע באַדינגונגען זיינען בלויז אַ פאָרמע פון בירזשע ספּעקולאַציע, זיי פאַרטרעטן כמעט אינגאַנצן ניט די נייע־פּראָדוקציע כחות). צום ביישפּיל, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, פון אַ מאָנאַטלעכן ציפער פון 1,150,000,000 דאָלאַרן אין דריטן פערטל פון 1929, זיינען נייע אַקציעס געפאַלן ביז 374,000,000; אין פאַרלויף פון 1931 האָט דאָס געהאַלטן אין איין פאַלן און אין 1932 איז דאָס שוין געווען אין דורכשניט בלויז 142,000,000 דאָלאַרן. אין ענגלאַנד זיינען די פאַרגלייכבאַרע ציפערן געווען:

יאָר	סטאַק־פּרייזן אינדוסט.	באשטימטער פּראָצ.	נייע קאַפּיטאַל־אויסגאַבן פאַר ענגלאַנד	פאַר אויסלאַנד
1924	100	100	7.4	11.2
1929 (העכסטער פּונקט)	147	98.9	23.0	15.1
1930 (דעצעמבער)	99	103.3	10.4	5.4
1931 (דעצעמבער)	81	90.2	2.7	—
1932 (דעצעמבער)	91	122.7	4.0	0.3

דער צוזאַמענברוך פון דער דאָזיקער אויסגעטראַכטער אויבער־סטרוקטור פון ווערטן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צוצעברעקלען ווי באַלד די פּראָדוקציע איז אָפּגעפאַלן, קאָמבינירט מיט דעם פאַקט, וואָס ס'זיינען שוין מער ניט געווען קיין נייע פלעצער אין וועלכע צו אינוועסטירן מיט אַ וועלכער ס'ניט איז האָפנונג פון פּראָפיט, האָט געפירט צו אַן אומגעהויערער אָנזאַמלונג פון מזומן אין די הענט פון די רענטיערס. אַזוי אַרום האָט זיך אין ענגלאַנד די פּאָזיציע פון די דעפּאַזיטס, הלוואות און אוואַנסן געביטן ווי פאָלגט (פון ניין ענגלישע קלירינג באַנקן):

	מיליאָן פונט דעפּאַזיטס	אוואַנסן און הלוואות
1928	1,747	923
1929	1,810	956
1930	1,767	969
1931	1,836	907
1932	1,677	889
1933	1,944	750

די אַלגעמיינע ריכטונג איז אַ גרויסע פאַרגרעסערונג אין דעפּאָזיטס און אין אומגענוצטע געלט. פון דער אַנדערער זייט זיינען די הלוואות און אַוואַנסן אַפּגעפאַלן; זיי מוזן איצטער צוקומען צו דער „האַרטער קאַרע" פון אומבאַצאָלבאַרע אַוואַנסן. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די נאָרמע פון פּראָצענט אויף געלט, וואָס איז באַנייעט געליען געוואָרן צו אַנדערע קאַפּיטאַליסטן, איז אַראָפּגעפאַלן. די דורכשניטלעכע מאַרק נאָרמע פאַר 3 חדשימדיקע בילס אויף דעם לאָנדאָנער מאַרק, וועלכער איז געווען אין 1929, 5 פונט, 5 שילינג 4 פּענים, איז אַראָפּ אין 1932 (דורכשניטלעך) ביז 1 פונט, 16 שילינגס, 9 פּענים, און באַווייזן דעם גאַנצן באַנקראָט פון אַלע טעאָריעס וועגן דער כלומרשטער באַשיצונג פון באַנק קרעדיט און געלט־צירקולאַציע קעגן דער ווירקונג פונם קריזיס אונטער דעם מאָנאָפּאָל קאַפּיטאַליזם .

דער קריזיס האָט זיך אַזוי אַרום פאַרשפּרייט צו די פינאַנציעלע צענטערן. ס'איז זיי געלונגען אָפּצורוקן זיינע קלעפּ בלויז פאַר אַ צייט. די ערשטע דורכברעכונגען זיינען געשען אין צענטראַל איירָאָפּע ווען דער קרעדיט אינסטיטוט פון עסטרייך האָט זיך געשלאָסן אין זומער פון 1932. דאָס איז געוואָרן נאָכגעפאָלגט פון צוזאַמענברוכן אין דייטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער. נאָך מער, פיל פון די „פינאַנץ־אינדוסטריאַליסטן", פּראָדוקטן פון די פּראָספּעריטי־יאָרן, האָבן צוזאַמענגעבראָכן — קרייגער, האַטרי, אינסול און אַנדערע. די פאַרזוכן פון דער דייטשישער רעגירונג אונטערצושפּאַרן אירע גרויסע באַנקן און הוואווערס פאַרזוכן מיט זיין „מאָראַטאָריום" און די פּאָליסי פון די „שטילשטאַנדיקע אָפּמאַכן", דאָס הייסט, ניט־צאָלן קיין פּראָצענט כדי צו העלפן דייטשלאַנד, זיינען דורכגעפאַלן. דאָס אָפּווישן פון קרעדיט איז פאָרגעזעצט געוואָרן.

ס'האָט איינגעשלעפּט פריער פון אַלע ענגלאַנד. דער באַלאַנס פון האַנדל איז לאַנגזאַם און זיכער געגאַנגען געגן איר פאַר אַ געוויסער צייט. דער באַלאַנס פון דעם זעבאַרן האַנדל, ווי ס'איז דער פאַל אין אַלע פּאַראַזיטישע אימפּעריאַליזמען, איז געווען געגן איר פאַר יאָרן. דער פּראָפיט פון פינאַנציעלער מאַניפּולאַציע און די שטייערן פון די קאָלאָניעס זיינען געפאַלן. די ציפערן זיינען אומגעפער אַזוי:

דער באַלאַנס פון צאָלונגען (מיליאָנען פונט)

	אומגינסטיקער באַלאַנס	איבער־ימים שטייערן	ריינער באַלאַנס
1922	—176	+175	+149
1923	—208	+200	+140
1924	—338	+220	+ 72
1925	—392	+250	+ 46

1926 — — — —	—463	+250	+ 82
1927 — — — —	—387	+250	+182
1928 — — — —	—352	+250	+123
1929 — — — —	—381	+250	+103
1930 — — — —	—386	+220	+ 28
1931 — — — —	—408	+170	+104
1932 — — — —	—289	+140	+ 59

דער רעזולטאַט איז געווען אַז די ענגלישע פינאַנץ אָליגאַרכיע אין אַ פאַרצווייפלטן פאַרזוך געגן אירע קאָנקורענטן האָט באַשלאָסן אויפצו־געבן דעם גאָלד־סטאַנדאַרד. דאָס איז געווען אַ ברוך אין דער געלט איינקייט פון דעם קאַפּיטאַליזם. ס'האָט אויסגעבראָכן אַ געלט־מלחמה אין אַ נייער מער דיסאָרגאַניזירטער פאָרמע. ס'האָט אָפּגעשוואַכט די בריטישע פינאַנסירן, וואו שטייערן זיינען געצאָלט געוואָרן אין סטערלינג, דערפאַר ווייל זיי האָבן באַקומען ווינציקער סחורות און עס האָט אויך אָפּ־געשוואַכט ענגלאַנד אַלס אַ פינאַנציעלן צענטער. ס'האָט זיי אָבער פאַרשטאַרקט אין וועלט־מאַרק, וואו זייערע פרייזן זיינען געשטעלט געוואָרן 20־30 פּראָ־צענט נידעריקער פון זייערע „גאָלד־סטאַנדאַרד" קאָנקורענטן. פאַקטיש האָט דאָס אָנגעהויבן אַן אַלגעמיין אָפּזאָגן זיך פון גאָלד. אין די ווייטערע עטלעכע מאָנאַטן האָבן 45 לענדער פאַרלאָזט דעם גאָלד סטאַנדאַרד. די וואַליוטע מלחמה איז געוואָרן אַן אַלגעמיינע. די רעלאַטיווע פּאָזיציע פון די פירנדיקע בירזשעס ווערט געוויזן אונטן. פון דעם קען מען זען, ווי די גאַנצע ענגלישע אויסטויש נאָרמע איז געווען נידעריקער פון דער נאָרמע פון פראַנקרייך און פאַראייניקטע שטאַטן. דער יאַפּאַנעזישער יען איז אָבער אַראָפּ נאָך ווייטער.

אין ענגלאַנד און אין די פאַראייניקטע שטאַטן, פּונקט ווי אין דייטש־לאַנד און אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, האָט דער קריזיס אַ סך פאַר־שטאַרקט די טענדענץ צו שטאַט־קאַפּיטאַליזם. אויך איז די צונויפשמעל־צונג פון דער פינאַנץ־אָליגאַרכיע מיט דעם אַפּאַראַט פון דער רעגירונג־מאַכט דערפירט געוואָרן צו אַ העכערער מדרגה. אויך די הילף וואָס דער שטאַט האָט געגעבן אין זייער אַ ברייטער מאָס צו באַנקראָטירטע מאָנאָפּאָל קערפּערשאַפטן און באַנקן — דורכגעפירט אין לעצטן סך הכל דורך רע־דוצירן אַרבעטלאָזן בענעפיט און אויך דורך פאַרגרעסערן די שטייערן אויף די וואָס אַרבעטן נאָך, וואָס מיינט אַז די דעפיציטן פון דער פינאַנץ־אָליגאַרכיע דורכן קריזיס ווערן גוטגעמאַכט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן — איז איינע פון די עלעמענטן פון דעם אַזוי־גערופענעם שטאַט־קאַפּיטאַליזם וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטן שטעלן פאָר אַלס דער ערשטער שריט צום סאָציאַליזם.

וואַקלענישן אין אויסטויש אין פּראָצענטן פון גאָלד־ווערט אין 1932

ענגלאַנד	9.76
פראַנקרייך	1.11
יאַפּאַן	27.49
פאַראייניקטע שטאַטן	8.30

די קומענדיקע שטופּע אין דעם קריזיס איז געווען דער איבערגעחזרטער צוזאַמענברוך אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די פּאָזיציע פון די גרויסע באַנקן, וועלכע האָבן זיך פאַרשטאַרקט, האָט פאַרבאַהאַלטן די כסדרדיקע צעפאַלונג, וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן די קליינע באַנקן. פינף טויזנט זעלבסטשטענדיקע באַנק־קאָנקורענטן זיינען אָפּגעווישט געוואָרן נאָך פאַר 1919. אָבער פיל פון די גרויסע באַנקן האָבן זיך פאַרפלאָנטערט מיט ספּעקולאַציע און סטאַקס, ריל־עסטייט און הלוואות אַף אויסצוצאָלן, פּאָבליק יוטיליטיס, פיקציעס, א. אַ. וו. זיי האָבן געהאַט גרויסע חובות אין דייטשלאַנד און אין אייראָפּע; זיי זיינען אָנגערירט געוואָרן דורך די באַנקראָטן פון קרוגער, אינסול און סטיוועגס.

אין 1930 זיינען צוויי מאָל אַזוי פיל באַנקן ווי אין 1929 אויפגעלייזט געוואָרן, אריינרעכנענדיק עלף באַנקן מיט אַ קאַפּיטאַל פון איבער איין מיליאָן דאָלאַר יעדע. אין 1931, באַזונדערס אין פאַרלויף פון די לעצטע 4 מאָנאַטן, האָבן די פאַרמערטע באַנק־באַנקראָטן פאַרצייכנט זייער אַ הויכן רעקאָרד.

אין אָקטאָבער 1931 האָט די רעגירונג זיך אריינגעמישט און אויפגעשטעלט אַ נאַציאָנאַלע קרעדיט קאָרפּאָראַציע אויסצולייען הלוואות צו „אָנטפרירן” די פאַרמעגנס. די רעקאָנסטרוקציע פינאַנץ קאָרפּאָראַציע האָט אריינגעוואָרפן ביליאָנען דאָלאַרן אין די גרויסע באַנקן (וועלכע האָבן דאָס באַנוצט אויסצושפּרייטן זייער אָנהאַלט אַף די קליינע באַנקן און זעלבסטשטענדיקע פּראָדוצירער).

אָבער ס'איז ניט געווען גענוג. מ'האָט אָנגעהויבן פאַרבאַהאַלטן געלטער. דער פּראָדוקציע־קריזיס האָט ווייטער אָנגעהאַלטן.

דער צוזאַמענברוך פון די גרעסטע באַנקן אין דעטראָיט האָט געפירט צו אַ באַנקן־יום־טוב אין מישיגען אין פעברואַר 1933. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן „לויפן” אַף די באַנקן און אַן אַלגעמיינער באַנק־יום־טוב איז דערקלערט געוואָרן אין מערץ 1933.

פון דעם באַנק־יום־טוב זיינען די גרויסע קאָמערציעלע באַנקן ארויסגעגאַנגען מיט נאָך אַ גרעסערן אָנהאַלט אַף די אוצרות פון לאַנד. 10 פון זיי קאָנטראָלירן שוין 19 פּראָצענט פון די גאַנצע קאָמערציעלע דעפּאַזיטס. פיל פון זייערע קליינע קאָנקורענטן איז ניט דערלויבט געוואָרן זיך ווידער עפענען. נאַציאָנאַל פאַרשפּרייטע צווייגן זיינען דערלויבט געוואָרן צום ערשטן מאָל. אינפלאַציע פּלאַנען האָבן אָנגעהויבן אריינצוקומען. אין

דער זעלבער צייט, כדי דורכצושטופּן די אינפלאַציע און צו העלפן די פּאַר־אייניקטע שטאַטן מאַנעווורירן אין דער עקאָנאָמישער וועלט־מלחמה, איז דער דאָלאַר אָפּגעשיידט געוואָרן פון דעם גאָלד־סטאַנדאַרד.

סך־הכל פון דעם קריזיס

דער קריזיס וועלכער האָט זיך אָנגעפאַנגען אין 1929 האָט אַזוי אַרום אָנגענומען אַן אַנדערע ווענדונג. ס'האָט באַצייכנט דעם סוף פון דער ציטוויייליקער סטאַביליזאַציע פונם קאַפּיטאַליזם. די וואָרצלען פון דער סטאַביליזאַציע זיינען פון סטאַלינען דעפינירט געוואָרן ווי פאָלגט:

1) דאָס באַרויבן פון דייטשלאַנד (דער אָפּמאַך צווישן די פּאַר־אייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד און פראַנקרייך).

2) די עקספּלואַטאַציע פון כינע (דער אָפּמאַך צווישן די פּאַר־אייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד און יאַפּאַן).

3) די עקספּלואַטאַציע פון קאָלאָניעס — אַן אָפּמאַך צו דערלויבן אַז די ספערן פון איינפלוס זאָלן איבערבלייבן.

4) די מעגלעכקייט פון אַן אַלגעמיינער אַטאַקע אויפן סאָוועטן־פּאַר־באַנד. *)

די דאָזיקע באַדינגונגען בלייבן ניט די זעלבע. דער פאָרשריט אין דער פּראָדוקציע און אין האַנדל, אין דער פינאַנציעלער אויבערסטרוקטור אַ דאַנק דער דאָזיקער ציטוויייליקער סטאַביליזאַציע, איז אָפּגעווישט געוואָרן. די ציטוויייליקע סטאַביליזאַציע גופא איז געווען אַ טייל פון דער אַלגעמיינער זינקונג פונם קאַפּיטאַליזם; דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פונם קריזיס, וועלכער האָט זיך אָנגעפאַנגען אין 1928-9, איז דאָס וואָס ער איז געקומען אַלס אַ צולאָג צו דעם אַלגעמיינעם קריזיס.

ער נעשעט דעריבער אין אַ געוויסן פּעריאָד פון דער אַנטוויקלונג פון דעם מאָנאָפּאָליסטישן אימפּעריאַליזם. דער דאָזיקער פאַקט פירט אַריין געוויסע קאָמפּליצירטקייטן אין דעם.

1) מאָנאָפּאָליסטישע פּאַראייניקונגען און די פינאַנץ אָליגאַרכיע געפינען וועגן און מיטלען אָנצוהאַלטן זייער פּאָזיציע ניט קוקנדיק אויף דער אַראָפּפאַלונג פון דער פּראָדוקציע.

2) זיי שטרייבגען אָן יעדן נערוו אָנצוהאַלטן די מאָנאָפּאָל פּרייזן אַנטקעגן די אַרבעטער און פּויערים פּראָדוצירער (דורך האַלטן סטאַקס, פאַרניכטן אייגנטום, אָפּמאַכן, טאַריפן א. ד. ג.).

3) די ריזיקע קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל האָט געפירט צו אַ גרויסן אָנוואוקס פון דעם אָרגאַנישן קאַפּיטאַל. (צו דעם מוזן נאָך צוגעגעבן ווערן די גרויסע חובות, פיקסירטער קאָסט, פאַרוואַסערטער קאַפּיטאַל אין אַלע פאָרמען, און אַזוי ווייטער.) דאָס מאַכט אַ רעדוקציע פון פּראָדוק־

*) סטאַלין, „לעניניזם“, באַנד 1, זייט 6-225.

ציע קאָסטן, אַ חוץ דורך לוין־שניטן, באַזונדערס שווער פאַר די מאָנאָפּאָ־ליסטן וואָס האָבן באַשאַפן די באַדינגונגען וועלכע האָבן זיי פאַרפּלאָנטערט. נאָך אַ שטריך איז:

4) די אינטערווענציע פון די מאָנאָפּאָל־טראָסטן און גרויסע באַנקן אויפצוהאַלטן די פרייזן — און אַזוי אַרום ווייטער באַשריינקען דעם מאַרק, און צווייטנס דער פאַרזוך אָפּצוהאַלטן די דאָזיקע ריזיקע, איבערקאַפּיטאַ־ליזירטע, שטאַרבנדיקע, באַנקראָטירטע אונטערנעמונגען פון צוזאַמענברוך.

5) דאָס פירט צו אַ ווייטערדיקער קאָנצענטראַציע פון מאַכט אין די הענט פון דער פינאַנץ אָליגאַרכיע, וועלכע באַוועגט זיך פראַנק און פריי, דאָמינירט און אַרבעט מיט דער מאַכט פון שטאַט.

ביישפּילן אין די פאַראייניקטע שטאַטן (רעקאָנסטרוקציע פינאַנץ קאָר־פּאָראַציע), אין דייטשלאַנד (די באַנקן א. ד. ג.), אין ענגלאַנד (עלעקטריצי־טעט, טראַנספּאָרט, די באַנקן) זיינען פילצאָליק.

די פינאַנץ אָליגאַרכיע איז די צענטראַלע האַרטע שאָלאַכץ וועלכע האַלט אָן די פּאָליסי פון מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליזם אין פאָדערגרונט. אַלס אַ רעזולטאַט האָט דער קריזיס, אַנשטאָט זיך פאַנאַנדערלאָזן אין דעם געוויינ־לעכן וועג פון פאַר־דער־מלחמה קריזיסן, נאָך צוגעקראָגן פיל באַדייטנדע און נייע שטריכן, וועלכע רירן זייער שטאַרק אָן זיין אַנטוויקלונג.*)

דער ווייטערדיקער פּאָליטישער רעזולטאַט פון דעם איז אַז די נייע עפּאָכע אין דעם קריזיס איז ניט בלויז באַצייכנט דורך אינטענסיווערע און טיפערע עקאָנאָמישע מלחמות (וואַליוטע, טאַריפן, דאָמפּינג און אַזוי ווײַ־טער), דורך נייע אַטאַקעס אויף די אַרבעטער, דורך אַ ווייטערדיקן וואוקס פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס איז אין קאָנטראַסט צו דער אַלגעמיינער לאַגע, נאָר אויך דורך אַ נייער שטופּ אין אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק.

„דער סוף פון דער רעלאַטיווער קאַפּיטאַליסטישער סטאַביליזאַציע איז געקומען. אָבער אַ דירעקטע רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע האָט זיך נאָך ניט אַנטוויקלט אין די וויכטיקע און באַדייטנדיקע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. וואָס ס'קומט פאָר אין איצטיקן מאָמענט איז דער איבערגאַנג צו אַ נייער סעריע פון גרויסע צוזאַמענשטויסן צווישן קלאַסן און צווישן שטאַטן, אַ נייע סעריע פון מלחמות און רעוואָלוציעס.“ (טעזיסן פון 12טן פּלענום עקזעקוטיוו קאָמיטעט קאָמינטערן מאָדערנע ביכער, „וואָרקערס לייברערי פּאָבלישערס“.)

---

*) דער „עקאָנאָמישער קריזיס פון דער וועלט“. ל. מאַדיאַר, מאָדערנע ביכער, „וואָרקערס לייברערי פּאָבלישערס“. זע אויך די פּראָטאָקאָלן פון 12טן פּלענום. עקזעקוטיוו קאָמיטעט קאָמינטערן, זעלבע פאַרלעגער.

פראגן:

1) אין וואָס דריקט זיך אויס דער אלגעמיינער קריזיס פונם קאַפּיטאַליזם?

2) וועלכע פאָרמען נעמט אָן דער אלגעמיינער קריזיס פונם קאַפּיטאַליזם אין איצטיקן ציקלישן קריזיס און אין וואָס באַשטייען די ספּעציעלע שטריכן פון דעם איצטיקן ציקלישן קריזיס?

3) וועלכער פּלאַץ פאַרנעמט דער געלט און קרעדיט קריזיס אין איצ־טיקן קריזיס אלס א גאַנצן?

VII. דער איצטיקער קריזיס און דער פּראָלעטאַריאַט

אין אַלע פריערדיקע קריזיסן איז די הויפּט לאַסט געטראָגן געוואָרן פונם אַרבעטער קלאַס. אָבער אין איצטיקן קריזיס, וועלכער האָט גע־טראָפן אין אַ פּעריאָד פון מאָנאָפּאָל קאַפּיטאַליזם און מיט אַ כסדרדיקן גאַנג אַראָפּוועגס, זיינען די עפעקטן אויף די אַרבעטער נאָך מער פאַר־ניכטנד. אין ערשטן פּלאַץ איז די צאָל פון אַרבעטלאָזע אומגעהויער. אפילו די בורזשואזע סטאַטיסטיקער גיבן צו, אַז עס זיינען פאַראַן 35 מיליאָן אַרבעטלאָזע, אויסער די פאַמיליעס פון די אַרבעטלאָזע און די מיליאָנען פּויערים פּראָדוצירער, וועלכע זיינען רעדוצירט געוואָרן צו אָרעמ־קייט. אָפיציעלע ציפערן ווייזן, אַז 22 פּראָצענט פון די ענגלישע אַרבע־טער זיינען אַרבעטלאָז און 34 פּראָצענט פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער זיינען אַרבעטלאָז.

צווייטנס, פאַר די מאָנאָפּאָליסטן, וועלכע האָבן אָפענער און אָפענער געווירקט דורך דער מאַשינעריע פון שטאַט, איז געווען מעגלעך אַראָפּ־צודריקן די לאַגע פון די אַרבעטער וועלכע זיינען באַשעפטיקט און פאַר־ערגערן די לאַגע פון די אַרבעטלאָזע. אזוי אַרום, אפילו לויט די אָפיציעלע ציפערן אין ענגלאַנד זינט 1929, איז פאַרגעקומען אַ לוין־שניט אמוויי־ניקסטנס אויף 10 פּראָצענט. אין דייטשלאַנד איז דער וועכנטלעכער לוין פון די דייטשע אינדוסטריעלע אַרבעטער אַראָפּגעפאַלן פון 42.2 מאַרקן אין 1929 ביז 22.1 אין 1932. אין אַמעריקע איז דער פאַל פון וועכנט־לעכן לוין געווען פון 27 דאָלאַר אין 1929 ביז 12.35 דאָלאַר אין יוני 1932. אין שפּאַניע איז דער ווירקלעכער לוין פון דעם פּראָלעטאַריאַט אַראָפּגעפאַלן אויף 30 פּראָצענט, און די נייע שטייערן האָבן רעדוצירט דעם סטאַנדאַרד פון לעבן אויף ווייטערדיקע 30 פּראָצענט. אפילו דער גאָר נידעריקער לוין־ניוואָ אין כינע איז רעדוצירט געוואָרן. אין 1929 האָבן כינעזישע אַרבעטער אין די וועבערייען באַקומען 30 זילבערנע דאָלאַרס אַ מאָנאַט, אָבער אין 1931 איז שוין זייער לוין אַראָפּגעפאַלן צו 18 זילבערנע דאָלאַר אַ מאָנאַט. (זע „וועגווייזער צום 12טן פּלענום".)

אין דער זעלבער צייט, דורך פאַרשיידענע ספּיד־אַפּ (יאָג) סיסטעמען,

זיינען די באַדינגונגען אין די שפּעטער געוואָרן נאָך מער אָנגעשטריינגט.

דער שטאַט, וועלכער איז איצט פולשטענדיק אין די הענט פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל און האַנדלט פראַנק און פריי אַלס אַ דיקטאַטור, איז אויך ברו־טאַל באַנוצט געוואָרן צו רעדוצירן דעם סטאַנדאַרד פון דעם אַרבעטערס לעבן. אַזוי אַרום זיינען אין ענגלאַנד אַנדערהאַלבן מיליאָן אַרבעטער אָפּ־געשניטן געוואָרן פון אַרבעטלאָזער פאַרזיכערונג און די נאָרמע פון אַר־בעטלאָזער פאַרזיכערונג און פון „פור לאָ רעליף“ (אָרעמער געזעץ הילף) איז אומברחמנותדיק געשניטן געוואָרן. ווייטער, אומדירעקטע שטייערן זיינען צוגעגעבן געוואָרן און דער פּראָצענט פון דער גאַנצער באַשטייערונג וועלכע ווערט געצאָלט אומדירעקט, דאָס הייסט, אַף שפּייזן א. ד. ג., איז געשטיגן.

ווייטער, די מאָנאָפּאָל־אָרגאַניזאַציעס איז געלונגען אַרויפצוליינען אומ־גלויבלעכע הויכע טאַריפן אויף אימפּאָרטס. דאָס לאַנד וואו עס איז פאָר־געקומען די גרעסטע ענדערונג אין דעם פאַל איז אפשר געווען ענגלאַנד, וועלכע איז שטענדיק געווען דאָס „הויז פון פרייען האַנדל“, כאָטש נאָך פאַר 1931 זיינען שוין פיל טאַריפן געווען אין עקזיסטענץ. אָבער זינט די נאַציאָנאַלע רעגירונג איז אריין אין מאַכט איז די גרויסע מאַסע פון אימפּאָרטן באַשטייערט געוואָרן, און באַשטייערט געוואָרן זייער הויך.

דאָס וואָס דער פונט האָט זיך אָפּגעזאָגט פון גאָלד־סטאַנדאַרד האָט אויך געהאַט געווירקט, אַז די פּרייזן זאָלן שטייגן, אָדער אמווייניקסטנס, אַז די פּרייזן אין ענגלאַנד זאָלן זיין העכער פון די וועלט (גאָלד) פּרייזן.

רעכענענדיק די צייט איידער ענגלאַנד האָט זיך אָפּגעזאָגט פונם גאָלד־סטאַנדאַרד (סעפּטעמבער 18, 1931), אַלס 100 פּראָצענט, איז דער וועלט גאָלד־פּרייז פון רויע סחורות געפאַלן אין מערץ 1933 צו אַרום 80 פּראָ־צענט. די ווירקונג פון דעם, וואָס די פאַראייניקטע שטאַטן האָט זיך אָפּגעזאָגט פונם גאָלד־סטאַנדאַרד און דער אָנהויב פון אינפלאַציע, ווייזט זיך אַרויס אין די פּרייזן סיי פון די פאַראייניקטע־שטאַטן און סיי פון ענג־לאַנד וועלכע זיינען אין מיטן מאַי געשטאַנען ביי 86 און ביי 103.

בשעת די גרויסע מאָנאָפּאָליסטן איז ניט געלונגען צו פאַרמיידן דאָס אַבסאָלוטע פאַלן אין די פּרייזן, איז זיי אָבער יאָ געלונגען איינצוהאַלטן דאָס פאַלן פון ריטעיל (לאחדים) פּרייזן, די פּרייזן, וואָס די אַרבעטער צאָלן, אין פאַרגלייך מיט די הורטאָוונע פּרייזן. אין ענגלאַנד, אויב מיר נעמען 1924 אַלס 100 פּראָצענט, איז „דער פּרייז־ניוואָ פון דער גאַנצער פּראָ־דוקציע“ אין 1931 געפאַלן בלויז ביז 91 פּראָצענט, און פון געברויך אַר־טיקלען ביז 87.5 פּראָצענט — בשעת הורטאָוונע פּרייזן פון רויע און האַלב פאַרענדיקטע אַרטיקלען זיינען געווען 61 פּראָצענט. (ציפערן פון קאָלין קלאַרקס „די נעשאָנעל אינקאָם“, מעקמילען). אפילו אויב מיר נעמען

די אָפיציעלע רעגירונגס ציפערן פון ענגלאַנד און די פאַראייניקטע־שטאַטן געפינען מיר דאָס פאָלגנדע:

	ענגלאַנד		פאַראייניקטע שטאַטן	
	הורטאָווע פרייזן	קאָסטן פון לעבן	הורטאָוונע פרייזן	קאָסטן פון לעבן
1929	100	100	100	100
1930	88	96	91	96
1931	76	90	77	87
1932	74	87	68	78

די זעלביקע אומגלייכהייט זעט זיך ארויס אין ציפערן פון פריערדיקע יאָרן און דאָס באַווייזט די מאַכט פון די מאָנאָפּאָליסטן איינצוהאַלטן די פרייזן פונם איינצל־פאַרקויף.

„אין פאל פון רויען־באוול־פרייזן אין די ענגלישע מארקן, צום ביישפיל, בשעת רויער באוול איז געפאלן אף 59 פראָצענט, איז דער אויסגעארבעטער באוול געפאלן בלויז 48 פראָצענט; פעלן זיינען געפאלן 62 פראָצענט בשעת זוילן זיינען געפאלן אף בלויז 33 מיט א דריטל פראָצענט; צווישן אייזן און שטאָל פראָדוקטן וועלכע זיינען אונטערגעוואָרפן צו גוט־אָפּגעהיטע, אָפּגעמאכטע פרייזן, איז קליוולאנד נומער 3 אייזן רעדוצירט געוואָרן צו כמעט 20 פראָצענט זינט 1930, אָבער די דורכשניטלעכע רעדוקציע אין גראטעס און אין שטאָלענע רעלסן איז געווען בלויז עטוואָס העכער פון 5 פראָצענט. פרייזן פון פולשטענדיק פארענדיקטע פראָדוקטן, נעמענדיק אין אָנבאטראכט ענדערונגען אין קוואליטעט און אין פאָרם, זיינען געפאלן נאָך ווייניקער ווי די פון די האלב פארענדיקטע מאנופאקטורן.” (וועסטמינסטער באנק רעוויו, אפריל, 1933).

אַף אַזאַ אופן פאַרערגערט דער איצטיקער קריזיס די לאַגע פון דעם אַרבעטער קלאַס. פון דער צווייטער זייט וואָרצלט דער קריזיס אויס און זעצט ארונטער די אַרבעטער־אַריסטאָקראַטיע, וועלכע איז אנטשטאַנען אונטערן אימפּעריאַליזם. דורך דעם, וואָס די קוואַלן פון די איבערפלוס פּראָפיטן וואָס זיינען אויסגענוצט געוואָרן פון די מאָנאָפּאָל אָרגאַניזאַציעס ווערן כסדר אויסגעשעפּט, האָט דער מאָדערנער קריזיס די ווירקונג, וואָס די מאָנאָפּאָלן קענען שוין אַף אַזאַ גראַד מער ניט קארופּטירן מיט אַ טייל פון זייערע פּראָפיטן די העכערע שיכטן פון אַרבעטער קלאַס.

דער איצטיקער קריזיס ברייננגט מיט זיך אַלגעמיינע רואינע און אומבאַשרייבלעכע אָרעמקייט פון אַלע אַרבעטנדיקע טיילן פון דער געזעלשאַפט און אַזוי אַרום פאַראורזאַכט ער זייער באַפעסטיקונג אונטער דער אָנפירערשאַפט פונם פּראָלעטאַריאַט אין קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע.

נאטירלעך, אינדיווידועלע גרויסע העכט פון קאפיטאליזם ליידן אויך די קלעפ פונם קריזיס; אָבער א דאנק דעם קריזיס פארשטארקט א הייפעלע קאפיטאלען פון דער פינאנץ־אליגארכיע איר אייגענע פאזיציע דורך דעם וואָס זי רואינירט די קאפיטאליסטן פון א קלענערן גראד און שפרייט אויס די אומפארשעמטע בארויבערי פון דעם ארבעטער־קלאס.

ווי לענין שרייבט:

„אויב די פראָפיטן פון פינאנץ קאפיטאל זיינען דיספראָפאָר־ציאָנעל גרויס אין פעריאָדן פון אינדוסטריעלער פראָספעריטי, אזוי פארלירן קליינע געשעפטן און די וועלכע זיינען ניט אין א פארזיכער־טער פאָזיציע זייער עקזיסטענץ אין פעריאָדן פון דעפרעסיע, בשעת די גרויסע באנקן פראָפיטירן דורך אָפקויפן זייערע שערס פאר כמעט א גאָרניט, אָדער דורך פריוועליגירטע ‚רעקאָנסטרוקציעס'." (לענין, „אימפעריאליזם: די לעצטע שטופע פונם קאפיטאליזם", זייט 61.)

דאָס אלץ באשאפט א לאגע אין וועלכער די קאפיטאליסטישע ווידער־שפרוכן ווערן אָפגעשיילט פון זייער אויסערלעכער שאָלעכץ און אלע קלאסן וואָס ליידן פון דער קאפיטאליסטישער עקספלואטאציע גייען אָפן און די־רעקט קעגן דער הערשאפט פון דער פינאנץ אָליגארכיע און קעגן דער מאַ־שינעריע פון דעם פאשיזירטן שטאט. דער מאָדערנער קריזיס שטעלט אוועק דעם עקספלואטירנדן און עקספלואטירטן קלאס פנים אל פנים מיט דער אישו צווישן זיי פשוט און הויל.

בנוגע דער סיטואציע שרייבט לענין:

„יעדער קריזיס באדייט (מיט צופעליקע מעגלעכע וואקלענישן און צוריקגאנגען) א פארשנעלערונג פון דער אנטוויקלונג און א פאר־שארפונג פון די ווידערשפרוכן, אן אויפדעקונג פון זיי (די ווידער־שפרוכן), דער צוזאמענברוך פון אלץ וואָס איז פויל א. ד. ג."

„פון דעם שטאנדפונקט—זעצט ער פאָר—מוז מען באטראכטן דעם קריזיס *** צי ס'געפינען זיך ניט קיין ווערטפולע און פראָגרעסיווע שטריכן פון יעדן קריזיס אין אים."

אין לענינס אויגן אנטבלויזן זיך די דאָזיקע „פראָגרעסיווע" שטריכן פון קריזיס אין דעם, ווי ער אונטערשטרייכט וואָס „יעדער קריזיס צעברעכט אייניקע און שטעלט אנדערע".

און אז א דאנק דעם קריזיס

„געשעט א צוזאמענברוך פון אלץ וואָס איז פויל און שעדלעך אין דער ארבעטער באוועגונג, שטרויכלונגען, וועלכע שטייען אין וועג פון רעוואָלוציאָנערע קאמפן, ווערן אָפגערוקט אין א זייט, און

דער קריזיס שטעלט מענטשן פאר דער סאציאליסטישער רעוואלוציע".
(לענין, ערשטע רוסישע אויסגאבע פון „נייע ארטיקלען און בריוו",
1930, זייט 9.)

דורך דעם וואס ער רירט אן די ווארצלען פון דער ארבעטער־אריס־טאקראטיע און צווינגט ארויף דעם צוזאמענברוך פון יעדער זאך, וואס איז שעדלעך און פויל אין דער ארבעטער באוועגונג, וועלכע קען נאך פארהאלטן די רעוואלוציאנערע אנטוויקלונג, גרייט צו דער מאדערנער קריזיס, אין דער זעלבער צייט, די ברייטע מאסן פון דעם פראלעטאריאט פאר דער פארווירקלעכונג פון דער סאציאליסטישער רעוואלוציע און פארהארטעוועט זיי פאר דעם קאמף. אין דעם ליגט די רעוואלוציאנערע באדייטונג פון דעם איצטיקן קריזיס.

אין די פאר־מלחמה־קריזיסן האט די בורזשואזיע געפונען אן אויס־וועג אפן חשבון הויפטזעכלעך פונם ארבעטער קלאס, אויף וועמענס פלייצעס זי האט ארויפגעווארפען די הויפט לאסט פון זייערע צעשטערענדע ווירקונגען. דער קריזיס פון היינט צו טאג אבער קומט פאר אין דער עפאכע פון דעם אלגעמיינעם קריזיס פונם קאפיטאליזם, וואס קען ניט בייגעקומען ווערן. אלס רעזולטאט ווערן די מעגלעכקייטן בייצוקומען אמאל דעם ציקלישן קריזיס שטארק פארקלענערט און שווער צו דערגרייכן. זייענדיק איבערגעצייגט, אז דער איצטיקער ציקלישער קריזיס קען ניט ווערן בייגעקומען מיט דער הילף פון די זעלבע מעטאדן, וועלכע פלעגן אמאל פארגרינגערן איר ארויסגאנג פון די פריערדיקע קריזיסן, מאכט די בורזשואזיע יעדן פארזוך אליין אויסצוגעפינען אן אויסוועג דורך אננעמען נויט (עמוירדזשענסי) מיטלען און דורך בארויבן דעם ארבעטער קלאס אויף אזא מאסשטאב, וואס איז נאך ביז אהער ניט געהערט געווארן.

א חוץ דער פראלעטארישער רעוואלוציע, דאס הייסט, א חוץ דעם רעוואלוציאנערן אויסוועג פונם קריזיס, איז דא דער קאפיטאליסטישער וועג, וועלכער, אונטער די היינטיקע באדינגונגען וואס זיינען געבוירן געווארן פון דעם אלגעמיינעם קריזיס פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם, מיינט אן אומענדלעכער און כסדרדיקער קריזיס; און דער וועג מיינט אן אומגעהויער שטארקע אונטערדריקונג פונם ארבעטער קלאס, האפנונגסלאזע נויט פארן פראלעטאריאט, וועלכער וועט זיין געצוואונגען אויסצוגיין פון הונגער.

צוויי וועגן זיינען פאראן: אדער די קיינמאל זיך ניט ענדיקנדיקע מאטערנישן פון שקלאפעריי, פון הונגער און פארניכטונג — אדער די ארבעטער־קלאס רעוואלוציע. ס'איז ניטא קיין דריטער וועג.

אזוי ווי די הויפט לאסט און די רואינירנדע פאלגן פון דעם קריזיס ווערן ארויפגעווארפן אויף די פלייצעס פון ארבעטער קלאס, פארמער־קלאס און פויערים, מוז דער איצטיקער קריזיס (וועלכער, מיר דערמאנען נאכאמאל,

קומט פאר אין צוזאמענהאנג מיט דעם אלגעמיינעם קריזיס פונם קאפי־טאליזם און צוליב טאקע דער דאזיקער אורזאך ווייזט ער זיך ארויס צו זיין אן אומגעהויערער שווערער) אומפארמיידלעך זיך אנטוויקלען אין פיל לענדער אין א רעוואלוציאנערן, פאליטישן קריזיס.

דער מאדערנער קאפיטאליזם איז קאפיטאליזם אין פראצעס פון צע־פוילונג, אן אפשטארבנדע סיסטעם. זי איז פאראורטיילט צו פאלן. מען טאר אבער ניט טראכטן, אז דער קאפיטאליזם וועט אויטאמאטיש, פון זיך אליין, פארשוואונדן ווערן פון דער סצענע, בלויז דערפאר, וואס ער איז איבער־רייף אלס א סיסטעם. באשרייבנדיק דעם מאנאפאל־קאפיטאליזם, אלס אפשטארבנד און צעפאלנד, האט לענין שטענדיק שארף אונטערגע־שטראכן, אז דער דאזיקער קאפיטאליזם אין פראצעס פון צעפאלונג און אפשטארבונג איז נאך ניט צעפאלן געווארן און נאך ניט אפגעשטארבן. ווייל כדי צו ענדערן איר פון אן אפשטארבנדער ביז צו א געשטארבענער סיסטעם מוז זי ווערן פארניכטעט, א זאך, וואס קען נאר קומען דורך א פראלעטארישער רעוואלוציע.

לענין האט שטענדיק געווארנט קעגן צוויי סארטן טעותן בנוגע דעם באגריף פון דעם אלגעמיינעם קריזיס פונם קאפיטאליזם. ער האט אונ־טערגעשטראכן אז:

„אויסער דעם, מוזן מיר באזונדערס דערמאנען צוויי אלגעמיין אנגענומענע טעותן. פון איין זייט, שטעלן פאר די בורזשואזע עקאנא־מיסטן דעם קריזיס בלויז אלס א 'באאומרואיקנדער פאקטאר', ווי די ענגלישע מאכן דאס עלעגאנט. פון דער צווייטער זייט, באמיען זיך די רעוואלוציאנערן אין געוויסע פאלן צוצושטעלן א באווייז, אז ס'איז אבסאלוט ניטא קיין אויסוועג פונם קריזיס.

„דאס איז א טעות. ס'איז ניטא אזא זאך ווי א סיטואציע פון וועלכער ס'איז ניטא קיין אויסוועג." (לענין, געזאמלטע ווערק, באנד 25, זייט 420, רעדע אפן צווייטן קאמינטערן קאנגרעס, 1920)

צוליב דער אורזאך פירט דער עקאנאמישער קריזיס היינט צו טאג אין פיל לענדער צו אן אויסברייטערונג אין דער פארמע פון א רעוואלוציא־נערן קריזיס, ווייל ער מאכט שוין אוממעגלעך פאר דעם הערשנדיקן קלאס אנצוהאלטן זיין אלטע אויבערהערשאפט אומגעענדערט, זעענדיק, אז א דאנק דער שרעקלעכער ארעמקייט פון דעם ארבעטער קלאס און פויערטום פאראורזאכט דער קריזיס די שטארקסטע אומצופרידנהייט און צארן צווישן די אונטערדריקטע קלאסן און סטימולירט זייער אקטיוויטעט קעגן די קא־פיטאליסטישע „הויכקייטן".

די מארקסיסטן האבן קיינמאל ניט באנומען די מפלה פונם קאפי־טאליזם אלס אן אויטאמאטישער פראצעס. נאך אמאל און נאך אמאל האט

לענין אונטערגעשטראָכן, אַז רעוואָלוציעס פאַלן ניט אַראָפּ פונם הימל. ווי ער זאָגט:

„דערפאַר ווייל אַ רעוואָלוציע גייט ניט ארויס פון יעדער רעוואָלוציאָנערער סיטואַציע, נאָר גייט ארויס פון אַזעלכע סיטואַציעס, וואו צו די אויבן־דערמאָנטע אָביעקטיווע ענדערונגען ווערן נאָך אויך צוגעגעבן סוביעקטיווע, נעמלעך, די פעאיקייט פון די רעוואָלוציאָנערע קלאַסן דורכצופירן רעוואָלוציאָנערע מאַסן־אַקציעס, שטאַרק גענוג צו צעברעכן (אָדער אונטערצומינערן) די אַלטע רעגירונג. ס'איז אַ געזעץ, אַז קיינמאָל, אפילו ניט אין אַ פעריאָד פון קריזיסן, 'פאַלט' ניט אַ רעגירונג פון זיך אַליין, נאָר זי מוז געהאָלפן ווערן צו פאַלן". (לענין, געזאַמלטע ווערק, באַנד 3, זייטן 279-280, זע אויך לענינס „וועגן רעפאָרמיזם".)

אַ דאַנק דער שאַרפקייט און טיפקייט פון דעם קריזיס, וואָס איז פאַראורזאַכט געוואָרן פון דעם אַלגעמיינעם קריזיס פונם קאַפּיטאַליזם, דערמוטיקט דער איצטיקער קריזיס מאַסן־אַקציע פונם פּראָלעטאַריאַט קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער גרויסקאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און פירט צו דער אַנטוויקלונג און קאָנסאָלידאַציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין איר אַרבעט פון פירן דעם אַרבעטער קלאַס אין דעם קאַמף קעגן דער בורזשואַזער אָרדנונג.

פ ר אַ ג ע:

וואָס זיינען די עפעקטן פון דעם איצטיקן קריזיס אויפן פּראָלעטאַריאַט?

VIII. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און דער איצטיקער קריזיס

1. דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער באַגריף וועגן קריזיס

אַלס רעזולטאַט פון דעם איצטיקן קריזיס איז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אריינגעטריבן געוואָרן אין זייער אַן אומגעלומפּערטער פּאָזיציע. ערשט נעכטן, ווי מיר האָבן פריער געזען, האָבן זיי אונז דערציילט, אַז דער קאַפּיטאַליזם האָט גענומען דעם וועג פון אַנטוויקלונג אָן קריזיסן. אָבער איצטער, אַז עמיצער זאָל קומען מיט אַ באַהויפּטונג, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז אַזוי גוט אָרגאַניזירט אַז ער קען ניט ליידן פון קיין קריזיסן, וואָלט ער שטאַרק אויסגעלאַכט געוואָרן. די טעאָריעס, וואָס זיינען אויפגעבויט געוואָרן אין צייט פון פּראָספּעריטי מוזן פאַרגעסן ווערן. פאַרשיידענע אַרגומענטן ווערן אַרויסגעשטעלט אין פאַרשיידענע לענדער דורך די סאָציאַל דעמאָקראַטן, און זיי רעדוצירן זיך צו די פאָלגנדע השערות: אַז דער קאַפּיטאַליסטישער קריזיס איז אַ געוויינלעכער קריזיס, מיט צופעליקע שטריכן; אַז מען דאַרף איצט האָבן איטעליגענטע פּלאַנירונג, וואָס אַזאַ קען אָנגעווענדט ווערן פון די סאָציאַל דעמאָקראַטן. פאָלק־קאָרפּאָראַציעס

אויף די ליניעס פון דעם „לאָנדאָנער טראַנספּאָרט טראַסט", וועלן דאָס שוין דורכפירן. דאָס ווערט געשטיצט דורך דער פּראָפּאַגאַנדע וועגן דער נויטווענדי־קייט צו וואַרטן פאַר „דעמאָקראַטישע" מעטאָדן דורכן פּאַרלאַמענט, וואָס וועט אָפּשאַפן די פינאַנץ אָליגאַרכיע.

די בריטישע ליבאַר פּאַרטיי האָט פאַרעפנטלעכט זינט דער לייסטער קאָנפערענץ פון 1932 אַ שטודיר־קאָנספּעקט וועגן „דער עקאָנאָמישער לאַגע". *) דאָרטן ווערט דערקלערט די לייבאָר פּאַרטיי טעאָריע. די באַ־מערקונגען זיינען אַ נוצלעכער סך־הכל פון דער אַלגעמיינער ליניע. ס'פאַנגט זיך אָן מיט דעם:

„די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם ליידט פון צוויי זייער דייטלעכע אורזאַכן — איר אייגענע צופּעליקע נאַרישקייט און אירע אייגענע אייגנטימלעכע פעלערן. זי ליידט, הייסט עס, פון אַ געלט און פינאַנ־ציעלן קריזיס, און אַ קריזיס פון 'איבער פּראָדוקציע', די ביידע ווירקן און באַווירקן איינע די אַנדערע אין פילצאָליקע קאָמפּליצירטע וועגן; די ערשטע האָט שטאַרק פאַרערגערט די צווייטע. פּונקט ווי אַן אומגליק־פאַל קען פאַראורזאַכן אַ כראָנישע קראַנקהייט צו ווערן זייער שאַרף: אָבער זיי ביידע, אין זיך, זיינען צוויי באַזונדערע זאַכן.

„דער קאַפּיטאַליזם קען פּראָדוצירן בעסער אפילו ווי פריער; ער האָט נִיט געלייזט די אַלטע פּראָבלעם פון פאַרטיילונג; ער האָט פאַר־געסן ווי אַזוי אויסצוטוישן.

„די אורזאַכן פאַרן צוזאַמענברוך פון אויסטויש זיינען אין עצם אורזאַכן, וואָס אַ גאַנץ קלוגער קאַפּיטאַליזם וואָלט געקענט אָפּ־שאַפן — מלחמה חובות, רעפּאַראַציעס, די אָפּוועזנהייט פון אַן איינ־הייטלעכער און אַ מעסיקער פּאָליסי אין באַצוג צו געלט און קרעדיט, דער וואוקס פון די טאַריפן, און דער מאַנגל אין זיכערהייט און אַנט־וואַפנונג. די זיינען זאַכן מיט וועלכע אַ קלוגער סאָציאַליזם וועט דאַרפן האַנדלען."

וועגן דער ערשטער באַהויפּטונג, אַז דער פינאַנציעלער קריזיס איז אַנדערש פון דעם הויפּט קריזיס פונם קאַפּיטאַליזם איז שוין גערעדט גע־וואָרן אין לעקציע 8. דער געלט און פינאַנץ קריזיס שטייגט אַרויס די־רעקט פון דער הויפּט אורזאַך פונם קאַפּיטאַליסטישן קריזיס — דער ווי־דערשפּרוך צווישן סאָציאַלער פּראָדוקציע און פּריוואַט אייגנטום. דאָך זאָגט דער „שטודיר־קורס" אַז:

„די וועלט אין 1929 האָט אָנגעהויבן רייף צו ווערן פאַר אַ קרי־זיס פון 'איבער־פּראָדוקציע' און אַרבעטלאָזיקייט. אָבער דער פּראָצעס

---

*) דאָס איז איינע פון אַ סעריע.

איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון א פּלוצלומדיקן פינאַנציעלן קריזיס, וואָס האָט געשטאַמט פון אורזאַכן, וואָס זיינען ניט דוקא אייגנטימלעך אין דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם.״

די פינאַנץ־אָליגאַרכיע, דער אימפּעריאַליסטישער פּראָצעס — איז ניט „אייגנטימלעך אין דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם״! וואו זשע זאָל מען געפינען די דאָזיקע „אורזאַכן״? אין די פאַראייניקטע שטאַטן!

אין דעם וואָס די פאַראייניקטע שטאַטן האָט געליען געלט, אין די טאַריפן פון די פאַראייניקטע־שטאַטן, און אַזוי ווייטער, איז געפונען געוואָרן די הויפּט אורזאַך פונם קריזיס.

„אמעריקאַנער בירגער האָבן געמאַכט ריזיקע אויסלענדישע אינוועסט־מענטס״ — דערנאָכדעם — „דער טעראָר און די באַאומרואיקונג״ א דאַנק דעם דייטשישן באַנקראָט און דאָס וואָס אַמעריקע „האָט אויפגעהערט צו זיין די אָנפירערין״, די טאַריפן, רעפּאַראַציעס — און מלחמה־חובות (נאָכאַמאָל „די אַמעריקאַנער בירגער, די וויילער פון דער וועסט״ זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס אַמעריקע מאָנט דאָס פונט פלייש).

אַזוי אַרום איז די באַלדיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן קריזיס אַרויפ־געוואָרפן אין דעם ריכטיקן שאָוויניסטישן סטיל — ניט אויף דער וואָל־סטריט פינאַנציעלער באַנדע, נאָר אויך אויף די אַרבעטער.

2. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּראָגראַם פאַר אַן אויסוועג פונם קריזיס

ווי אַזוי באַגרייפן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן דעם אויסוועג פון דעם איצטיקן קריזיס?

ס׳איז זייער גוט באַקאַנט, אַז מאַרקס און ענגעלס האָבן שטענדיק פאַרבונדן די רעוואָלוציאָנערע אויסזיכטן פון זייער צייט מיט די דעמאָלט־דיקע קריזיסן. ניט אומזיסט האָט ענגעלס געשריבן צו מאַרקסן נאָכן קרי־זיס פון 1857:

„אין פאַרלויף פון דעם שאַרפן קריזיס איז אַבסאָלוט אומ־מעגלעך געוועזן פאַר מיר צו טראַכטן עפּעס אַנדערש, ווי נאָר וועגן דעם ׳אַלגעמיינעם קראַך׳.״ (קאָרעספּאָנדענץ צווישן פרידריך ענגעלס און קאַרל מאַרקס, פולשטענדיקע אויסגאַבע, סעקציע 3, באַנד 2, זייט 268.)

אָבער די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן מורא פאַר א רעוואָלוציאָנערן אויסוועג פאַרן קריזיס מער ווי פאַר עפּעס אַנדערש. זיי טוען אַלץ מעג־לעכעס איבערצוציי̆גן די אַרבעטער־מאַסן וועגן דער אוממעגלעכקייט פון אַראָפּוואַרפן די בורזשואַזע אָרדנונג, וועגן דעם פאַטאַלן רעזולטאַט, וואָס יעדער צוזאַמענברוך פונם קאַפּיטאַליזם קען ברענגען פאַרן אַרבעטער קלאַס, און צום סוף, די שעדלעכקייט פון אויסקלייבן די קריזיס־צייט אַנ־

צופירן דעם קאמף פאר די ארבעטער־קלאס פאָדערונגען, בשעת פאר די קאפיטאליסטן ליגן זיי אָפּ דעם קאמף אויף א נעבלדיקן צוקונפטיקן דאטום.

מיר קערן זיך אום צו אונזער „שטודיר־קורס", וואָס איז אויבן ציטירט געוואָרן. די פּראָבלעמען, פאראורזאכט פון די אומאינטעליגענטע קאפּיטאליסטן — און אמעריקאנער „ווײלער", דערקלערט עס, וואָלטן געקענט באהאנדלט ווערן:

„פרידן און די שליכטונג וועט איבערגעלאָזן ווערן צו דער לייבאָר־פארטיי. דאָס זיינען זייער וויכטיקע ענינים. דאָס זיינען ענינים וועלכע וואָלטן געקענט באהאנדלט ווערן דורך דעם קאפּיטאליזם, ווען דער קאפּיטאליזם וואָלט זיין אינטעליגענט."

דאָס ווערק פון דער לייבאָר פּארטיי „דער וועגווייזער צו אינטעליגענץ פאר קאפּיטאליסטישע פינאנסירן" קען מאכן לאכנדיק אפילו דעם שטן, אָבער ס'האָט אויך זייער א באלדיקע מאָראל. ווייל ווען די לייבאָר פּארטיי זאָגט, אז א „קלוגער סאָציאליזם" װעט באהאנדלען די פּראגן, וועלכע זיינען אין דער ווירקלעכקייט אין דעם קאפּיטאליזם גופא, מיינט דאָס נאָר, אז די לייבאָר פּארטיי וועט אָנפירן ווייטער די פּאליסי פון דער בריטישער פינאנץ אָליגארכיע. פּאקטיש, אין אירע אנטי־אמעריקאנער סענטימענטן, אין איר וועלן פולשטענדיק אָפּווישן דעם מלחמה־חוב, אין אירע אויסצוגן פון סאָלטער און מעקענע (ענגלישע עקאָנאָמיסטן) און אזוי ווייטער, שרייבט זי פּשוט דעם טעזיס פון דער נעקסטער שטופּע פון דער בריטישער קאפּיטאליסטישער פּאליסי.

אין דער „אַנדערער" ספערע וועט „די אַלטע פּראָבלעם" פון קאפּיטאליזם געלייזט ווערן „דורך דעם קאָנטראָל פון פינאנץ און אינוועסטמענטס, די נאציאָנאַליזאציע פון דער אינדוסטריע און פון אגריקולטור". מיר האָבן געזען (לעקציע 8), אז די פּאָרשלאָגן פון דער לייבאָר פּארטיי באדייטן א קאָנסאָלידאציע פון דער פינאנץ אָליגארכיע דורך א גרעסערער מאָס פון שטאט־קאפּיטאליזם.

„נאציאָנאלע פּלאנירונג" ווען דאָס ווערט באגלייט מיט פּאָרשלאָגן פאר קאָמפּענסירן פאר דעם אייגנטום וואָס מען נעמט צו, מיינט איבערנעמען די קאפּיטאליסטישע דירעקטיוון און אזוי ווייטער, און אָפּהיטן די קאפּיטאליסטישע אינוועסטמענטס. דער „שטודיר קורס" פון וועלכן מיר האָבן ציטירט זאָגט, אז בשעת מיר וואַרטן אז די „גרויסע טראנספאָרמאציע" זאָל פּאָרקומען,

„איז ניטאָ קיין מאנגל אין ציטווייליקע מיטלען, וועלכע וואָלטן געקענט אָנגענומען ווערן איידער די נאציאָנאלע פּלאנירונג וועט ארויסגעבן פּרוכטן. שאפן א הלואה פאר געוויסע קאפּיטאל אנטוויקלונגען

> קען דורכגעפירט ווערן, אפילו אונטער איצטיקע אומשטענדן, כדי צו פארלייכטערן דעם שטייער־צאָלער דורך אָט־די יאָרן".

דאָס זאָרגן זיך פון דער ליבאָר פּאַרטיי פאַר דעם „שטייער צאָלער" דורך די „יאָרן" פון דעם אָנקומען צום „סאָציאַליזם" מוז אונטערגע־שטראָכן ווערן. פון מער באַדייטונג אָבער איז די דאָזיקע ווענדונג פאַר אַ הלואה פאַר אַ נאַציאָנאַלן פּלאַן, דאָס הייסט, דער שטאַט דאַרף גאַראַנ־טירן דעם פּראָצענט פון די רענטיערס פאַר אינוועסטמענטס, וואָס זיי אַליין ווילן ניט פינאַנסירן; דאָס מיינט, אז ס'וועט זיך אָנקלייבן נאָך אַ גרעסערער באַרג חובות. (ס'ווערט אַמאָל געזאָגט, אַז דאָס ארויפלייגן אַ שטייער וועט פאַרלייכטערן די משא אָבער (א) דער שטייער אף די גאָר גרויסע איינקונפטן איז קיינמאָל ניט מער ווי 44 פּראָצענט און (ב) די רענטיערס טוען שוין אַזוי, אַז דער שטייער זאָל אומדירעקט אַרויפגעלייגט ווערן אויף די אַר־בעטער.) דער פּאָרשלאַג איז אַ ווייטערדיקער שריט צו שטאַט קאַפּיטאַ־ליזם.

דער שליסל פון דער גאַנצער איצטיקער פּראָגראַם פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע באַשטייט אין דער פאָדערונג צו פאַרשטאַרקן דעם שטאַט־קאַפּיטאַליזם.

ווי לענין האָט דאָס איינמאָל דערקלערט איז שטאַט־קאַפּיטאַליזם אַ „הויז פון באַשטראָפונג פאַר די אַרבעטער", ווייל ס'איז אַ קאָמבינאַציע פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, צוואַנג און אונטערדריקונג פונם אַר־בעטער קלאַס דורך דער פאַרמיטלערשאַפט פון דעם פּאַשיזירטן בורזשואזן שטאַט.

> „פון דער צווייטער זייט, איז שטאַט־מאָנאָפּאָל אין אַ קאַפּיטאַליס־טישער געזעלשאַפט בלויז אַ מיטל צו פארגרעסערן און אָפּהיטן דעם איינקונפט פון די מיליאָנערן אין דעם אָדער אין אַן אנדער צווייג פון אינדוסטריע, וועלכע איז ניט ווייט פון באַנקראָט." (לענין, געזאמלטע ווערק, באַנד 19.)

אָט אַזאַ טורמע פאַר די אַרבעטער ארויסצוראַטעווען די מיליאָנערן פון באַנקראָט ווילן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אַרויפצווינגען אפן אַרבעטער קלאַס אַלס אַ סאָציאַליסטיש מיטל!

אין ענגלאַנד און אין די פאַראייניקטע שטאַטן, פּונקט ווי אין דייטש־לאַנד און אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, האָט דער קריזיס אַ סך פאַר־שטאַרקט די טענדענץ צו שטאַט־קאַפּיטאַליזם. אויך איז די צונויפשמעלצונג פון דער פינאַנץ־אָליגאַרכיע מיט דעם אַפּאַראַט פון דער רעגירונג־מאַכט דערפירט געוואָרן צו אַ העכערער מדרגה. אויך די הילף וואָס דער שטאַט האָט געגעבן אין זייער אַ ברייטער מאָס צו באַנקראָטירטע מאָנאָפּאָל קער־פּערשאַפטן און באַנקן — דורכגעפירט אין לעצטן סך הכל דורך רעדוצירן

ארבעטלאָזן בענעפיט און אויך דורך פאַרגרעסערן די שטייערן אַף די וואָס ארבעטן נאָך, וואָס מיינט אז די דעפיציטן פון דער פינאַנץ־אָליגאַרכיע דורכן קריזיס ווערן גוטגעמאַכט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן — איז איינע פון די עלעמענטן פון דעם אַזוי גערופענעם שטאַט־קאַפּיטאַליזם וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטן שטעלן פאַר אַלס דער ערשטער שריט צום סאָציאַליזם.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע ווילן פאַרווירקלעכן די פאָדערונג פון דעם פינאַנץ קאַפּיטאַל צו פאַרזיכערן אים קעגן באַנקראָט מיט דער הילף פון דער שטאַטס־מאַשין, דורך דעם וואָס די אַרבעטער וועלן טראָגן די אויסגאַבן פון דעם צוזאַמענברוך פון זיין סיסטעם, באַקליידן די פּראָגראַם פונם פינאַנץ־קאַפּיטאַל אין „סאָציאַליסטישע" קליידער. איי־נער פון די הויפּט מיטלען, וואָס ווערט געפּרעדיקט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אויף בייצוקומען דעם קריזיס, איז פאַרקערפּערט אין דער לאָזונג פון „קאָנטראָל פון די באַנקען".

בשעת די סאָציאַל־דעמאָקראַטן פאָלגן נאָך אַ פּראָגראַם וועמעס ציל איז צו ראַטעווען די באַנקען פון אונטערגאַנג דורך באַרויבן דעם ארבעטער קלאַס, ווילן זיי פאַרדעקן אַט־די פּראָגראַם מיטן געשריי' אַז מען דאַרף קאָנטראָלירן די באַנקען, כאָטש זיי אַליין ווייסן גאַנץ גוט, אַז קיין שום קאָנ־טראָל קען ניט ענדערן די קאַפּיטאַליסטישע נאַטור פון די באַנקען, וואָס זיי־נען פאַקטיש דער מעכטיקסטער און צענטראַליזירטסטער אַפּאַראַט אין עק־זיסטענץ מיטן צוועק צו רייך מאַכן אַ קליינע קליקע פון געלט מאַגנאַטן. פון אַן ענלעכן כאַראַקטער זיינען די אַנדערע פאָרשלאָגן פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטן קומען אַרויס מיט פאַרשידענע פאָרשלאָגן פאַר באַלדיקע מיטלען, וואָס וועלן פאַרגרינגערן דעם עול פון די אַרבעטער. צווישן די פאָרשלאָגן געפינען מיר פאָדערונגען פאַר איינגערע פּענסיעס, בילדונג נאָך שול־עלטער, א. א. וו., און אויך די 40־שעהדיקע וואָך.

אָבער ווען די פאָרשלאָגן גייען איבער פון איינפאַכער דעמאַגאָגיע צו אַקציע ווייזן זיי זיך אַרויס צו זיין מיטלען ניט צו אָנרעגן דעם אַרבעטער־קלאַס צו ווייטערדיקע זיגן' נאָר צו פאַרשטאַרקן דעם קאַפּיטאַליזם.

די ראָל וואָס די „לינקע" סאָציאַל־דעמאָקראַטן שפּילן איז די פון דעם בליץ־אָפּוייכער, אַזוי צו זאָגן, פאַר דעם וואַקסנדיקן ראַדיקאַליזם פון די מאַסן.

וויפיל די סאָציאַל־דעמאָקראַטן זאָלן ניט אַרבעטן אויסצוהיילן דעם קאַפּיטאַליזם פון זיין קריזיס און וויפיל ברען און ענערגיע זיי זאָלן ניט אַרויסווייזן אין זייערע באַמיאונגען צו ראַטעווען די בורזשואַזע אָרדנונג דורך דער פולשטענדיקער פאַראַרעמונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס, בלייבט דאָך אַלץ איבער דער פאַקט, אַז דער קריזיס אַנטוויקלט זיך און ווערט טיפער די גאַנצע צייט, און אַלס אַ רעזולטאַט פון דעם זינקען אַלץ גרע־

סערע מאסן אין נויט און הונגער, אזוי ארום פירנדיק צו דעם, אז די אר־בעטער מאסן זאלן פארלאזן די סאציאל־דעמאקראטיע.

די סימפאטיעס פון די ארבעטער קערן זיך אלץ מער און מער צו דער קאמוניסטישער פארטיי, וואס ווייזט דעם ארבעטער קלאס דורך דעם ביי־שפיל פונם סאוועטן־פארבאנד דעם וועג דורך וועלכן די ארבעטער־מאסן קענען זיך ראטעווען פון קריזיסן, פון קאפיטאליסטישער אונטערדריקונג, פון ארימקייט און נויט.

פראגן:

1) וואס איז די שטעלונג פון די סאציאל־דעמאקראטישע טעאָרעטיקער צום קריזיס?

2) וואס איז די ריכטיקע באדייטונג פאר די ארבעטער פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פאדערונג צו פארשטארקן דעם שטאט־קאפיטאליזם?

3) פארוואס איז די באהויפטונג פון די סאציאל־דעמאקראטן, אז די אר־בעטער קענען בלויז אנפירן א פארטיידיקונג־קאמף אין פארלויף פונם קריזיס, פאלש?

IX. פארוואס עס זיינען ניטא קיין קריזיסן אין סאוועטן־פארבאנד

דאס איינציקע לאנד וואס ווייסט ניט פון קיין קריזיסן, נאר פארקערט, האט דורכגעמאכט א ריזיקן מארש פאראויס אין עקאנאמישן לעבן, דורך דער גאנצער צייט וואס די קאפיטאליסטישע וועלט האט זיך געשאקלט אונ־טער די קלעפ פון אן אומפארגלייכבארן קריזיס, איז דער ראטן־פארבאנד. דער סאוועטן־פארבאנד האט זיך אויפגעהויבן אויף די רואינען פון א בור־זשואזער געזעלשאפט און אויף די חורבות פון דער צאריסטישער אימפעריע, דאס מיינט, אפן באזיס פון א טעכניש צוריקגעשטאנען לאנד. איבערנע־מענדיק די ירושה פון דעם אלטן רעזשים אין דער פארמע פון אינדוסטריעס צעבראכענע פון מלחמה, איז דער סאוועטן־פארבאנד געווען געצוואונגען, נאך איר צוריקציאונג פון דער אימפעריאליסטישער מלחמה, אנצופירן א פארעקשנטן בירגער־קריג אין משך פון פיר שווערע יארן קעגן די ארמייען פון די וויים־גווארדייער און קעגן דער אינטערווענציע פון די אימפעריאליס־טישע מאכטן, וואס זיינען אלע געווען דארט צו פארטיידיקן די אינטערעסן פון די ארויסגעשטויסענע קאפיטאליסטן און פריצים.

כאטש דער סאוועטן־פארבאנד האט געקאנט לאזן גיין און אויסשפרייטן זיינע אינדוסטריען ערשט נאך דעם בירגער־קריג, איז אים דאך געלונגען — טראץ אלע אומבאשרייבלעכע שלעכטע באדינגונגען אונטער וועלכע זיין רע־קאנסטרוקציע ארבעט איז אנגעגאנגען, טראץ מלחמה, אינטערווענציע און בלאקאדע — צו דערגרייכן באדייטנדיקע דערפאלגן אין אויפבויען זיין אינ־

דוסטריעלן און עקאָנאָמישן לעבן אויף א סאָציאַליסטישן פונדאַמענט. דאָס האָט ער דערגרייכט דורך זיינע אייגענע אָנשטריינגונגען, אָן אויסלענדישע הלוואות, און ניט נאָר אָן הילף פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, נאָר פאַרקערט, טראָץ אַלע כסדרדיקע באַמיאונגען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בורזשואַזיע צו שטערן די ריזיקע אַרבעט פון עקאָנאָמישן אויפבוי.

צוליב דעם, וואָס דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערט געבויט אויף סאָציאַליסטישע יסודות אינגאַנצן אַנדערש אין פּרינציפּ פון קאַפּיטאַליזם, האָט דער קריזיס, וואָס האָט באַווירקט אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ניט אָנגערירט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס קען אויך קיינמאָל ניט געשען צוליב דער פונדאַמענטאַלער סיבה, וואָס זיין עקאָנאָמישע סיסטעם איז ניט אונטערגעוואָרפן צו די אויפטרייסלענדיקע עפּידעמיען פון איבערפּראָדוקציע, פון וועלכע די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם ליידט.

נאָך אין 1848 האָט זיך ענגעלס אויסגעדריקט ווי פאָלגט וועגן דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט ווען ער האָט גערעדט אין עלבערפעלד:

„פונקט ווי אין דער פּראָדוקציע און אין דער פאַרטיילונג פון די סחורות, וואָס זיינען נויטווענדיק פאַר דעם לעבן פון דער פּריוואַטער אינדוסטריע, פאַרשווינדט דער ציל פון דעם יחיד צו באַרייכערן זיך אליין דורך זיינע אייגענע אָנשטריינגונגען, אזוי פאַרשווינדן אויך פון זיך אליין די קריזיסן פון קאָמערץ.“ (ענגעלס, מיטינגען אין עלבערפעלד, צוויי רעדעס וועגן קאָמוניזם.)

מאַרקס און ענגעלס, וואָס האָבן באַוויזן, אַז אינערהאַלב דעם קאַפּיטאַליסטישן מאָדוס פון פּראָדוקציע קענען קריזיסן ניט אָפּגעשאַפן ווערן, האָבן אַלע מאָל אונטערגעשטראָכן, אַז ביים איבערגיין צו אַ פּלאַנירטער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיע, וועט די מענטשהייט פּטור ווערן פון די פאַרניכטנדיקע קריזיסן פון איבער־פּראָדוקציע, וועלכע באַפאַלן דעם קאַפּיטאַליזם און וועלכע ברענגען מיט זיך נויט און אומגליק פאַר די ברייטע מאַסן.

אָפּשאַפנדיק פּריוואַט־אייגנטום אין די וויכטיקסטע און נייטיקסטע מיטלען פון דער פּראָדוקציע, סאָציאַליזירנדיק און קאָנצענטרירנדיק זיי אין די הענט פונם פּראָלעטאַריאַט, האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט איינגעשפּאַנט די סאָציאַלע פּראָדוקציע אין דער אַרבעט פון באַפרידיקן די גיך וואַקסנדע נויטן פון דער געזעלשאַפט און האָט פאַרשנעלערט אין אַן אומגעהויערער גרויסער מאָס די אַנטוויקלונג פון זיינע פּראָדוציר־כחות אין די אינטערעסן פון די אַרבעטנדע מאַסן.

ס'זיינען ניטאָ קיין קריזיסן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, פונקט צוליב דעם וואָס צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט ווערט סאָ־

ציאַליזם געבויט; צוליב דעם, וואָס די סאָציאַלע פּראָדוקציע ווערט ניט אָפּעריִרט אין די אינטערעסן פֿון אַ הייפעלע גרויסע קאַפּיטאַליסטן, נאָר מיטן ציל צו פֿאַרוואַנדלען די סאָציאַלע אַפּראָפּריאַציע פֿון אירע פּרוכטן אַלס מיטלען פֿאַר דער ווייטערדיקער אויסברייטערונג פֿון דער פּראָדוקציע, ווי אויך די אינדיווידועלע אַפּראָפּריאַציע פֿון די מיטלען פֿון עקזיסטענץ, פֿאַר דעם אַרבעטער קלאַס. אַלס רעזולטאַט פֿון פֿאַרוואַנדלען די מיטלען פֿון דער פּראָדוקציע אין דעם אייגנטום פֿון דער געזעלשאַפֿט אַלס אַ גאַנצער, ווי עס איז געטאָן געוואָרן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, איז מעגלעך געוואָרן צו עלימינירן אַנאַרכיע אין דער סאָציאַלער פּראָדוקציע. דאָרטן וואו ס'איז פֿריער געווען אַנאַרכיע, ווערט איצט אַריינגעטראָגן אַ פּלאַן צוגעגרייט און באַקלערט פֿון פֿאָראויס, אַ פּלאַן באַזירט אַפֿן כסדרדיקן שטייגנדיקן וואוילזיין פֿון די מאַסן, דורך וועלכן עס זיינען געשאַפֿן געוואָרן אַלע נויטווענדיקע פֿאָר־באַדינגונגען פֿאַר אַ ריזיקער אויסברייטערונג פֿון אַ סאָציאַליסטישער פּראָדוקציע, אָן דעם אַז ס'זאָל אַרויסרופֿן אַן אַנטאַגאָניזם צווישן סאָציאַלער פּראָדוקציע און פֿאַרברויך, דעריבער זיינען דאָרט קיין שום קריזיסן ניט מעגלעך.

זיי זיינען אוממעגלעך צוליב דער פֿאָלגנדיקער אורזאַך, ווי סטאַלין האָט געזאָגט אין זיין באַריכט צו דעם זעכצנטן קאָנגרעס פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

„צום אַלעם ערשטן, דער וואוקס פֿון דעם סאָציאַליזירטן סעקטאָר מיינט פֿריער פֿאַר אַלץ די רעדוקציע פֿון די עקספּלואַטירנדע עלעמענטן אין שטאָט און אין דאָרף, דער נידערפֿאַל פֿון זייער רעלאַטיווער וויכטיקייט אין דער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיע, און דאָס מיינט, אַז דער חלק פֿון די אַרבעטער און פּויערים אין נאַציאָנאַלן איינקונפֿט מוז אומפֿאַרמיידלעך שטייגן אַפֿן חשבון פֿון דעם חלק פֿון דעם עקספּלואַטירנדן קלאַס.

„צווייטנס, אויב דער וואוקס פֿון סאָציאַליזירטן סעקטאָר וועט זיך אַנטוויקלען, וועט אַ טייל פֿון דעם נאַציאָנאַלן איינקונפֿט וועלכער פֿלעגט ביז אַהער גיין אויף צו שפּייזן די עקספּלואַטירנדיקע קלאַסן און זייערע אָפּהייגיקע איצט בלייבן אין דער אינדוסטריע גופֿא, צו פֿאַרברייטערן די פּראָדוקציע, צו בויען נייע פֿאַבריקן און זאַוואָדן, צו פֿאַרבעסערן די באַדינגונגען פֿון די האָרעפּאַשניקעס. און דאָס מיינט, אַז דער אַרבעטער קלאַס מוז וואַקסן אין צאָל און אין שטאַרקייט, בשעת אַרבעטלאָזיקייט מוז פֿאַלן און די אַרבעטלאָזע אַריינגעצויגן.

„צום סוף, דער וואוקס פֿונם סאָציאַליזירטן סעקטאָר, אויף אַזוי פֿיל אויף וויפֿיל ער פֿירט צו דער פֿאַרבעסערונג פֿון דער מאַטעריעלער לאַגע פֿונם אַרבעטער־קלאַס, באַדייט די פּראָגרעסיווע פֿאַרגרעסערונג אין

דער גרויס פון דעם היים־מארק און א פארגרעסערונג אין דער נאָכפראגע פאר פאבריצירטע סחורות אף דער זייט פון די ארבעטער און פויערים. און דאָס מיינט, אז דער וואוקס פון דעם היים־מארק וועט איבערשטייגן דעם וואוקס פון דער אינדוסטריע און שטופּן איר פאָראויס צו אומאויפהערלעכער פארברייטערונג." (סטאלין, „לעניניזם", באנד 2, מאָדערנע ביכער און אינטערנעשאָנאל פּאָבלישערס, זייט 346.)

נאָך אין אָנפאַנג פון 1931, איז 97.6 פּראָצענט פון דער גאַנצער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע פונם סאָוועטן־פאַרבאַנד געווען קאָנצענטרירט אין דעם דאָזיקן סאָציאַליזירטן סעקטאָר. אַ דאַנק דער אַנטוויקלונג פון אַ קאָמפּאַקטער סיסטעם פון קאָלעקטיוויזאַציע און איר אָנווענדונג אף דעם באַזיס פון עלימינירן די „קולאַקן" (רייכן פאַרמער קלאַס) אַלס אַ קלאַס, איז דער סאָציאַליסטישער סעקטאָר געקומען צו פאַרנעמען די הערשנדיקע פּאָזיציע אין דער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיע פונם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אריינגעטראָטן אין דער עפּאָכע פון סאָציאַליזם. דאָס אנידערלייגן פון דעם פונדאַמענט פון דער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיע איז שוין באַלד פאַרענדיקט. אַ דאַנק דער רעקאָנסטרוקציע פון זיין פּראָדוקציע, אַ דאַנק דער ריזיקער אַרבעט, וואָס איז אריינגעלייגט אין גאָר אַ נייעם און ברייט ארומכאַפּנדן אויפבוי פון דעם לאַנד אַלס אַ גאַנצעס, (אַרבעט וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן לויט די מאָדערנסטע פאָרשריטן אין דער קאַפּיטאַליסטישער טעכניק), און צום סוף, אַ דאַנק דער באַוועגונג פון סאָציאַליסטישע געוועטן פון די מאַסן אַרבעטער און זייערע בריגאַדעס פון שלאָגלער אין דער פּראָדוקציע, האָבן אַלע טיילן פון עקאָנאָמישער און אינדוסטריעלער באַמיאונג געמאַכט אַ ריזיקן פאָרשריט אין שטאָט און אין דאָרף. דאָס קומט פאָר אין דער צייט ווען איבעראַל איבער דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט האָט די בורזשואַזע סיסטעם געליטן אַ שאַרפן און אומגליקלעכן נידערפאַל אין דער פּראָדוקציע, ס'איז איינגעשרומפּן געוואָרן אַ גרויסער טייל פון איר פאַרזיי־שטח, האָפנונגסלאָזע אַרבעטלאָזיקייט, פון וועלכער ס'איז ניטאָ קיין אויסוועג און אַן אומבאַשרייבלעכע פאַראָרעמקייט פון די מאַסן.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד לײדט אינגאַנצן ניט פון דער שטראָף פון אַרבעטלאָזיקייט; פאַרקערט, ער לײדט פאַקטיש פון אַ מאַנגל אין אַרבעטסקראַפט.

אין דער זיבעטער לעקציע האָבן מיר שוין געגעבן ציפערן בנוגע די דערפאָלגן אין דער קאָלעקטיוויזירנדער אגריקולטור.

אין פאַרגלייך מיטן פרילינג פון 1930, האָט זיך דער פאַרזייטער שטח אין 1931 פאַרגרעסערט אף 9.9 פּראָצענט, די אויסברייטערונג ווערט צו־

געשריבן הויפּטזעכלעך צו דער גרעסערער צאָל פון טעכנישע און אינדוס־טריעלע פּראָדוקטן, וועלכע זיינען פאַרזייט געוואָרן מיטן צוועק צו פאַר־גרעסערן די אַנטוויקלונג פון צוקער און וועב־אינדוסטריעס און אַנדערע צווייגן פון דער לייכטער אינדוסטריע. נאָך דעם וואָס דאָס לאַנד האָט פאַר פיל יאָרן געליטן פון אַ מאַנגל אין תבואה, האָט דער סאָוועטן־פאַר־באַנד געלייזט די תבואה־פּראָבלעם פאַר דער היים־נאָכפראַגע און האָט אָנגעהויבן צו עקספּאָרטירן דעם איבערפלוס כדי צו אימפּאָרטירן מאַ־שינעריע און אַנדערע וויכטיקע מאַטעריאַלן, וואָס זיינען נויטיק פאַרן ווייטערדיקן שטויס פאָראויס פון דער אינדוסטריאַליזאַציע פונם לאַנד.

אויסגעצייכנטע רעזולטאַטן זיינען אויך דערגרייכט געוואָרן אַפן גע־ביט פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע אינם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די פּראָגראַם פון דער אַלגעמיינער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע, וועלכע איז אויסגערעכנט אַז ס'וועט געדויערן 5 יאָר, איז אויסגעפילט גע־וואָרן צו דעם גראַד פון 93.7 פּראָצענט צום סוף פונם 4טן יאָר; דער סכום פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע איז פאַרגרעסערט געוואָרן מער ווי דריי מאָל אין פאַרגלייך מיט דער פאַר־מלחמהדיקער פּראָדוקציע, און מער־ער ווי צוויי מאָל אין פאַרגלייך מיט דער פּראָדוקציע פון 1928. דער 5 יאָריקער פּלאַן פון דער פּראָדוקציע פאַר דער שווערער אינדוסטריע איז אויסגעפילט געוואָרן אויף 108 פּראָצענט.

אין דער ספערע פון אַגריקולטור: אין 3 יאָר זיינען אָרגאַניזירט גע־וואָרן מערער ווי 200,000 קאָלעקטיווע פאַרמס און באַ אַ 5,000 תבואה און פי־צוכט פאַרמס. אין 4 יאָר איז דער פאַרזייטער שטח פאַרגרעסערט געוואָרן אף 21 מיליאָן העקטאָרס. אָנשטאַט 500—600 מיליאָן פוד פון מאַרק־תבואה, וואָס איז געזאַמלט געוואָרן, האָט מען איצטער 1200—1400 מיליאָן פוד. (זע די רעזולטאַטן פון דעם ערשטן 5 יאָר פּלאַן, סטאַלין, מאָדערנע ביכער, „וואווירקערס לייברערי פּאַבלישערס“, וואו ס'ווערן אָנ־געגעבן פיל פאַקטן און ס'ווערן אָנגעוויזן די פּאָליטישע ווירקונגען.)

איז שוין ניט קיין וואונדער, וואָס אין די לעצטע יאָרן איז פאָרגע־קומען אַ שנעלע פאַרגרעסערונג אין דער צאָל אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, וואָס זיינען באַשעפטיקט אינם סאָוועטן־פאַרבאַנד: אין 1928, 11,460,000; 1929, 12,140,000; 1930, 14,759.000; און אין 1931 אַ שפּרונג צו 16,800,000.

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד גייט די ברייט־פאַרבאַפנדע פּראָדוקציע צו־זאַמען מיט אַ כסדרדיקן פאָרשריט אין דער באַוועגונג פון שכירות (אַ 21.9 פּראָצענט העכערונג אין שכירות איז פאַרצייכנט געוואָרן, צום ביישפּיל, פאַרן יאָר 1931), און אַ פאָרשריט אין דעם וואוילזיין פון דעם אַרבעטער־קלאַס און פון די מאַסן אָרעמע און מיטל־פּויערים. באַזונדערס אָבער פון די מאַסן אויף די קאָלעקטיווע פאַרמס. דער דאָזיקער פאָראויסגייענדער

וואוילזיין געפינט זיין אויסדרוק אין וואוקס פון דעם נאַציאָנאַלן איינ־קונפט, וועלכער האָט דערגרייכט 38.3 פּראָצענט בלויז פאַרן יאָר 1931. דאָס זיינען די אורזאַכן פאַרוואָס ס׳זיינען ניטאָ קיין קריזיסן אינם סאָוועטן־פאַרבאַנד און פאַרוואָס עס איז דאָ אַן אויסזיכט פאַר אַ ווייטער־דיקן ברייט־באַוועגנדיקן פאָרשריט.

פ ר אַ ג ע :

פאַרוואָס לעבט איבער דער סאָוועטן־פאַרבאַנד אַן אומדערהערבאַרן פאָרשריט און פאַרוואָס זיינען ניטאָ קיין קריזיסן אונטער דער סאָציאַליסטישער סיסטעם ?